און — דער עיקר — „אונזער פאטערלאנד, וועלכע האט זיך אין משך פון עטליכע יאהר־הונדערטער אנגעהויבען צו איבערגעשטאלטיגען אויף דעם אייראפעאישען פאטערלאנד פון די יו־דען, און וואס איז געגאנגען אויף דעם וועג ביז צו די לעצטע צייטען, האט שוין נישט קיין אויס־זיכטען אויף דעם, זי זאל זיך ענטוויקלען אין דער היינזיכט" א. א. וו.

הייסט עס דאך, אז עס איז גוט אזוי, אז עס איז „א גוטען טאג מיט'ן ביסעל יודעלעך", און מיר דארפען שוין זאגען וידוי — איז עס אבער, צו אונזער גליק, נישט אזוי, און ווייל מ'וואלט געוואלט, אז עס זאל דווקא אזוי זיין, איז עס מיט'ן עם קשה עורף „אנ'אומגליק אזא", אז עס שפארט זיך איין, און „אני רוש".

עס קאן נעהמען, און לויט'ן זעלבען „טאלמוד" מאכען א נייעם פורים'על תיכף נאכ'ן יום־כפור...

מ.

פאבריק פון
אייוועז און קוכען
קאפלאנע און שאמאט

פערש. מוסטערען און סארטען
פערקויף פון בוי־ארטיקלען
צעמענט, קאלך, גיפס, קרייד, שטשינא, פאפע, סמאלע, ווי אויך פער־שידענע קאפלעס אינ־ און אויסלענדישע שאמאט־ציגעל צו אייוועז פון פערשי־דענע גרויסען— עמפפעהלט פירמע
„Konkurencja"
מ. עלעכנאוויטש
ŻEROMSKIEGO 1a (Pańska.)

7-kl. Szkoła
dla żyd. inteligencji (Zakład Freblowski)
KACENELSON-NACHUMOW
ul. POMORSKA 20 tel. (183-40). Zapisy w godz. od 4–7 p.p
7־קל. שולע און פרעבעלשולע פאר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ
קאצענעלזאן = נאחומאב
פאמארסקא 20 טעל. 183-40. איינשרייבונגען פון 4 ביז 7 נאכמיטאג
די שולקאנצעלאריע נעהמט אן איינשרייבונגען פון קנאבען און מעדכען וואס זענען אין שולצוואנג. אין פארבערייטונגס־קלאס (A°) ווערען אנגענומען קינדער פון $5^1/_2$ יאהר. אין פרעבעלשולע (שפיל־שול) קינדער פון 3-7 יאהר
די אונטעררינכטס־שפראך אין שולע, ווי אויך אין פרעבעלשולע איז פויליש.
פיר קנאבען א פערגרעסערטער קורס פון העברעאיש און אלע למודי־קודש אונטער דער פערזענליכער הנהלה פון
ר' יעקב בנימין קאצענעלזאן
פיר מעדכען א ספעציעלער קורס פון טענץ, ריטמיק, פלאסטיק לויטן פראגראם פון טאנץ־שולען פאר קינדער אונטער פאכמענישער לייטונג
פיר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע ווירד ערעפענט א
נאכמיטאג שולע ביז 50% ביליגער נאכמיטאג פרעבעלשולע

קלאנג־פילם־טעאטער CASINO
קלאנג־פילם־טעאטער CASINO
היינט און פאלגענדע טעג! פילם פון „FOX", רעזשי Allan Dwan
„די ווייסע טאך"
(די טראגעדיע פון א פערפיהרטער פרוי)
מעכטיגע דראמע, וואס פערגליווערט דאס בלוט אין די אדערן. — דער פילם איבערשטייגט אלע ביז איצט געזעהענע פילמען.
אין די הויפטראלען: Robert Frazer, Leonora Ulrich
L. Steffens, Ulryk Haupt, El. Brendel, L. Wolheim.
אויסער'ן פראגראם: טאנץ־אנסאמבל פון אנטאל פרידלאנד ווי אויך אקטואליטעטען.
פאספארטעס א חוץ עטליכע און פריי־קארטען זענען אונגילטיג ביז'ן אפרופען.
אנהויב פון די סעאנסען 4.30, 6, 8 און 10 אוונד. שבת און זונטאג — פריהמארגען־פארשטעלונגען פון 12 ביז 3 נאכמיטאג צו די נידריגסטע פרייזען.

די בעציהונג צו די יודישע פארטייען?

אין דער צייט ווען אויף דער פוילישער גאַס איז אַלץ אַרומגענומען מיט'ן געפיהל פון אַחדות, ווען די סאנאַציע האָט שוין לאַנג קאָנצענטרירט אַרום זיך טיילען פון אַלע געזעלשאַפטליכע שיכ־טען און אין קאַמף מיט איהר האָבען איצט זיך פעראייניגט אויך די אָפּאָזיציאנעלע ענדעקעס מיט ד יסאָציאַליסטען, אין דער זעלביגער צייט שטעהט דער יודישער לאַגער אַ צושפּליטערטער, הגם מיר זענען דאָך אַלע כמעט איין שיכט — קליינבירגערס.

מ'מוז מודה זיין, אַז די אַספּיראַציעס פון אונ־זערע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס אויף אייגענע מאַנדאַטען זענען, טעאָרעטיש גענומען, נישט בעגרינדעט, ווארום וועמענס אינטערעסען פערטיידיגען די יודישע דעפּוטאַטען, אויב נישט פון די יודי־שע סוחרים, קליינהענדלערס און האַנדווערקערס? קיין אַנדערע יודען זענען דאָך כמעט נישטאָ, אויב נישט רעכענען די אַרבייטערס, וועלכע ווילען מיט אונז קיין מגע ומשא נישט האָבען?

פראַקטיש אָבער זענען זיי מעהר ווי גערעכט.

שוין ד ינעמען אַליין פון די ריוואַלירענדיגע פּאַרטייען קענען נישט צוציהען צו זיך דעם צוטרוי פונ'ם פשוט'ן יודען, וואָס ציטערט און פלאַטערט איבערן ביסען ברויט, וועלכער ווערט אַרויסגעריי־סען פון זיין מויל סיי דורך די אייזערנע געזעצען פון לעבען און סיי דורכ'ן שלעכטען ווילען פון דער געזעלשאַפט.

ציוניסטען ווילען ציון, מזרחים ווילען אַ רע־ליגיעזע ארץ־ישראל, אַגודה וויל אַ רעליגיעזען גלות, התאַחדות וויל אַ ראַדיקאַל־בירגערליכע אָ־דער האַלב סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל, וואו איז דאָ דער אויסדרוק פאַר אונזער אַנגעווהטאָגטער פראָבלעם?

אַוודאי האָבען אָט די אַלע פּאַרטייען און זייי־ערע פראָגראַמען אַ גאַנץ ברייטען אָרט פאַר די יודישע נויטען און צרות. די ציוניסטען האָבען דאָך די העלסינגפאָרסער פּראָגראַם. אָבער די דאָזיגע פונקטען זענען בלויז אין שכנות ביי דער אַלגעמיי־נער פּראָגראַם, וואָס פערנעהמט זיך מיט גאַנץ אַנדערע מאַטעריעס.

שוין דער איצטיגער קאַמף אַליין צווישען די אַלע פּאַרטייען, אויף וויפיל ער געהט אַרויס פון די ראַהמען פון פערזענליכע אַמביציעס, ווערט דאָך געפיהרט אַרום ענינים, וואָס האָבען מיט אונ־זערע נויטען קיין שייכות נישט.

ס'איז געווען אַמאָל אַ פרינציפיעלע מחלוקת: פּאָליטישער קאַמף, אָדער שתדלנות. איצט איז דאָך אַפילו אָט דער צווייטראַנגיגער סכסוך אויך נישט אַקטועל, ווייל אַרום גרינבוימען, דעם אידעאָלאָג פון עקשנות'דיגען קאַמף, גרופּירען זיך דאָך אַזוי־בע שתדלנים, ווי פאַרבשטיין און די גאַליציאַנער.

אָדער צי קען מען אַפילו אויף איין מינוט מסכים זיין מיט דער קלאַסיפיקאַציע פון דעפּוטאַ־טען עהרליכע און נישט־עהרליכע, קאַריעריסטען או ןאידעאַליסטען? ווער קען עס אונז פערזיכע־רען מיט'ן האַנד אויפ'ן האַרצען. אַז אין איין לאַ־גער געפינען זיך אַלע אידעאַליסטען און אינ'ם אַנדערען אַלע קאַריעריסטען?

זענען דאָך אַלע חילוקי־דעות צווישען די פּאַר טייען, אויף וויפיל זיי זענען פרינציפּיעל, טאַקע נוגע בלויז ציוניסטישע און קולטורעלע פּראָגעס, וועלכע שטעהען ביים וועהלער איצט זיכער נישט אויפ'ן ערשטען פלאַץ.

אָט די לאַגע נוצען אויס גאַנץ געשיקט די פיהרערס פון די עקאָנאָמישע גרופּירונגען און קו־מען אין דער עפענטליכקייט מיט טענות, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסען ווערען פערוואָרלאָזט, און דעריבער מוזען זיי האָבען אייגענע דעפּוטאַטען, און ס'קומט אויס, אַז ביי אַ קאלא, לאָמיר זאָגען, פון צעהן דעפּוטאַטען, זענען אַ צוויי דריי געשיקט צו פערטיידיגען אונזערע עקאָנאָמישע אינטערעסען און די איבעריגע 7—8 צו קעמפען פאַר שולען און קהלות, וועלטליכע אָדער אָרטאָדאָקסישע...

דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער יודישער אומ־פּראַקטישקייט און עקסצענטרישען כאַראַקטער. אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר האָט דער יוד אַ חוש בלויז פאַר הויכקלינגענדיגע און ווייט־טראָגענדיגע לאָזונגען, בלויז פאַר אידעאַלען פון עולם הבא, דיווירקליכקייט איז פאַר איהם צו גרוי, צו טראַכטען וועגען איהר, און אַז ס'קומט אַזאַ וויכטיגער מאָ־מענט, ווי וואַהלען, שטעהען די מאַסען צושפּליטערט ווי אַ סטאַדע, נישט האָבענדיג קיין צוטרוי צו די אייגענע פּאָליטישע פּאַרטייען. וועמען מ'שענקט אַ וועק אַלע סימפּאַטיעס....

פ. ס.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנא 25, טעל. 126-87
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער־שוועכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען
צעמט אָן פון 8 — 2 נאָכמ. און פון 6 — 9 אָווענד

א פּראָפעסאָר פון יודיש און א יודישע קאַטעדרע

אויב איהר גלויבט נישט, אַז אינ'ם דאָלאַר־לאַנד, אין קאָלומבוסעס ביזנעס־מדינה, קאָן אויס־וואַקסען אַ הימעל־מענש, אַ מתמיד, וואָס איז בראשו ורובו אַריינגעטון אין קנאַפּ־תכלית'דיגע פאָרשונגען, דאַרפט איהר זיך נאָר בעקענען מיט ד"ר א. ראבאַק (איצטער אויף שטודיען־רייזע אין אייראָפּע), און איהר וועט שוין זיכער בייטען אייער מיינונג, אינ'ם ליבען און טשיקאַווען ד"ר א. ראַ־באַק זעהט איהר פאַר זיך אַ גילגול פון אַמאָליגע סופרים, וואָס פלעגען צעהלען די אותיות פון אונ־זערע הייליגע ספרים. אמת, שוין נישט די אותיות פון תנ"ך, נאָר פון מעהר היינטוועלטיגע וויסענ־שאַפטען; ד"ר ראַבאַק צעהלט למשל, — און דאָס איז דווקא אינטערעסאַנט פאַר אונז — די אותיות פון יודיש, פון דער יודישער שפּראַך און ליטע־ראַטור. און אָט דערינען שטעקט טאַקע דאָס ביסעל נייעס. צעהלען די אותיות פון הייליגע ספרים איז אַ מצווה, און מיר זענען צוגעוואוינט צו מענ־שען, וואָס זיצען על התורה ועל העבודה. אָבער מענשען, וואָס זיצען איבער אַ יודישען מעשה־בי־כעל, איבער אַנ'אַלטער ווייבערישער תחינה, איבער אַ יודישען טעאַטער־אַפיש, אָדער אַ יודיש־טייר־טשען ביבליאָגראַפישען יקר־המציאות, זענען אַ־לייך נאָך ביי אונז פון די יקר־המציאות. מען טאָר זיך נישט לאָזען נאַרען דורך דעם ברייטען פערנעהם פון דער איוואָ־בעוועגונג (יודישער ווי־סענשאַפטליכער אינסטיטוט) און מיינען, אַז ביי אונז וואַלגערען זיך יודיש־פאָרשער ממש אין די גאַסען. לא הכצעקתה — מתמידים פון יודיש זע־נען נאָך פערהאַן ווייניג, גאָר ווייניג, און אַז מען בעגעגענט זיך מיט די דאָזיגע טשיקאַווע נזירים־מתמידים, וואָס האָבען זיך דערקלערט אין ליבע צו אַ וויסטער אלמנה, דאַרפען אַלע פריינד פון יודיש אויף דעם מאַכען שהחינו.

פרץ זאָגט אַמאָל וועגען אַנ'אומשולדיג מיידעל אַז זי האָט געלעבט „אין שענק און ווייט „פון שענק". אויף ד"ר ראבאַק קאָן מען זאָגען, אַז ער לעבט אין דאָלאַר־לאַנד און ווייט פון דאָלאַר־לאַנד, זיך פערנעהמען מיט יודיש, בעת מען קאָן גוט ענגליש, בעת מען שרייבט ענגלישע וויסענשאַפטס ביכער און מען איז שוין אַנ'אָנזעהעוודיגער אַמע־ריקאַניש־ענגלישער געלעהרנטער־פּסיכאָלאָג, איז נישט דווקא פון די תכלית'דיגע ענינים, און צו הכנסה, פרנסה, און סתם קאַריערע האָט דאָס נישט קיין שייכות. נאָר ווייזט אויס, אַז אפילו אַנ'אַמע־ריקאַניש־יודישע נשמה איז נישט גרינג אָפּצושאַ־צען. האָט זיך אונזער אַמעריקאַנישער פּראָפעסאָר דעם ליבען ד"ר א. ראבאַק פערגלוסט נאָר צו ווערען אַ פּראָפעסאָר פון יודיש, און ער האָט נישט גערוהט, ביז ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען צו

(פון מיינע פּאַריזער בעגעגענישען)

גרינדען די ערשטע קאַטעדרע פאַר יודישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אַנ'אַמעריקאַנישען אוניווער־זיטעט, און דווקא אין דער אַלטער אוניווערזיטעט־שטאָט באָסטאָן און אין שייכות מיט דעם בעריהמ־טען האַרוואַרד־אוניווערזיטעט.

אמת, אַ שטיקעל פּגם אין ד"ר ראַבאַקס אַמע־ריקאַניזם האָב איך יאָ געפונען, וואָס קאָן אונז דערקלערען אַ פולע אויסטערלישקייטען אין זיין גייסטיגען פּרצוף. געבוירען איז ער דווקא צווישען אונז אין מזרח־אייראָפּע, אין גאַנאַנץ, אינ'ם אַיי־געגעם שטעטעלע, פון וואַנעט עס שטאַמט דער בעריהמטער אידעאַליסטישער ביבליאָפיל ד"ר כאַ־זאַנאָוויטש — נעבען אַסאָוועץ, נישט ווייט פון ביאַ־ליסטאָק. אַלס קינד האָבען איהם די עלטערן אַ־ריבערגעפיהרט קיין אַמעריקא און זיך מיט איהם איינאיינעם בעזעצט דווקא נישט אינ'ם ניו־יאָרקער הו־האַ מיט זיינע פינאַנציעלע ערד־ציטערנישען פון וואָל־סטריט. נאָר אין דער מעהר פּראָווינציע־לער און מעהר שטילער קאַנאַדע, אין מאָנטרעאַל. אָט זעהט איהר, אין קאנאדע קאָן מען שוין דווקא יאָ פּראָווען התבודדות, אַפילו חסידישע דבקות און זיך פערטיפען אין אייגענעם נשמה־לעבען. מען קאָ ןווערען אַ פּסיכאָלאָג און אַ פילאָלאָג, וואס פאָרט זיך צונויף גאָר נישקשה'דיג, ווייל אויב דער פּסיכאָלאָג פערנעהמט זיך מיט דער לעבעדיגער נשמה, האָט דער פילאָלאָג צו טון מיט דער פער־גליווערטער נשמה, פערגליווערט אין ווערטער פון היינטיגע און אַמאָליגע צייטען.

אָט אַזוי איז אונזער ד"ר ראבאַק געוואָרען אַן אין זיך מענש און איז איבערגעוואַנדערט פון דער שטילער קאנאדע אין דער שטילער אַמעריקאַנישער אוניווערזיטעטס־שטאָט באָסטאָן, אין האַרוואַרד־ אוניווערזיטעט, אויסמיידענדיג דעם טומעלדיגען ניו־יאָרק. דאָ פערנעהמט ער זיך מיט פּסיכאָלאָגיע, מיט „געהיימע" און בעהאַלטענע וויסענשאַפטען.

צי דאַרף מען זיך חידוש'ן, אַז דער שטילער ד"ר ראבאַק איז געווען מסוגל און גוט צוגעגרייט אויף אָנצונעהמען זיך די קריוודע פון דער פער־שוויגענער, פון דער וויסענשאַפט פערשוויגענער, יודישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אָט אַזוי שטעהט אונזער ד"ר ראבאַק זינט יאָהרען אויף דער וואַך, צעהלט די אותיות פון יודיש, קלייבט ווערטער און ווערטלעך, מליצות און משלים, אַנאַליזירט און פאָרשט און ווערט צום

סוף אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון יודיש־וויסענשאַפט אין אַמעריקא צווישען יודען און גויים.

„פערלירט נישט קיין צייט, מען דאַרף ליי־ענען די ליטעראַטור און פערשרייבען די ווערטער" — אָט אַזוי האָט זיך געלאָזט הערען יהואש אין אַ בריף צו ד"ר ראַבאַק. די דאָזיגע צוואה פון אונ־זער געלערנטען דיכטער היט אָפּ אונזער פּראָפע־סאָר פון יודיש, און ער לייענט, צעהלט און פער־שרייבט די ווערטער און גיט זיי דערנאָך איבער מיט'ן געהעריגען וויסענשאַפטליכען אַנאַליז אין אַרטיקלען און איצטער אויך שוין אין לעקציעס פאַר סטודענטען אויף דער קאַטעדרע פונ'ם פּאָליטעכ־אוניווערזיטעט אין באָסטאָן, שטאַט מאַסאַטשו־זשעטס.

דער פאָלקס־אוניווערזיטעט פון מאַסאַטשוזעטס איז אַנ'אָפיציעלע אינסטיטוציע, און די קאַטעדרע פאַר יודיש איז דעריבער אויך אַ פּאָליטישע דער־גרייכונג.

עס פערשטעהט זיך ממילא, אַז באָסטאָנער יו־דען זענען געווען געגען אַזאַ מין אויפטו. געווא־פען האָט דאָ אַביסעל דער פּרעצעדענט מיט די אירלענדער, וואָס האָבען געעפענט ביי דעם אוני־ווערזיטעט אַ קאַטעדרע פאַר זייער אַמאָליגער אַל־טער פערגעסענער שפּראַך — פאַר קעלטיש. דער זכות פון די אירלענדער איז אונז בייגעשטאַנען, און דער אוניווערזיטעט האָט מסכים געווען פּרינ־ציפּיעל צו עפענען קורסען פאַר יודישער שפּראַך און ליטעראַטור, אויב — אויב א יודישע אָרגאַניזא־ציע וועט דעם ענין שטיצען.

דאָ איז אונטערגעשפּרונגען מיט איהר הילף אַ יודישע יוגענד־אָרגאַניזאַציע, אַ חוץ דעם — הש־ראַבי לעווי און נאָך עטליכע פערזענליכקייטען פון די יאַהודישע קרייזען, און ד יקאַטעדרע האָט זיך מיט מזל געעפענט דעם 12. מערץ 1930, און, אַ ניסים ונפלאות! אַ היפּשע צאָהל, ביז 160 סטו־דענטען האָבען זיך פערשריבען אויף די קורסען פון יודיש און יודישע ליטעראַטור, די קורסען זע־נען געווען אויסגערעכנט אויף צעהן צוויי־שעה־דיגע לעקציעס און האָבען זיך פערענדיגט אין מיטן מאַי, דערנאָך זענען געקומען די עקזאַמענס מיט דיפּלאָמען, גאָר ווי צו לייטען גלייך.

קוקענדיג אויף באָסטאָן, האָט אויך ניו־יאָרק געפּרובט דאָס נאָכמאַכען און איצט קאָנען מיר עדות־זאָגען, אַז יודיש דרינגט אַריין אין די אַ־מעריקאַנישע אַקאַדעמישע קרייזען און קריגט אַקאַ־דעמישע בירגער־רעכט.

אַ שטילער געלעהרנטער איז אונזער ד"ר ראַ־באַק, אָבער זיין אויפטו רעדט צו אונז גאָר, גאָר הילכיג.

וו. לאַצקי־באַרטאָלדי.

„ארץ ישראל"
א יודישע פּיעסע אין א פּאַריזער טעאַטער

(קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַריז)

פּאַריז האָט אַ נייע יודישע סענסאַציע. אין טעאַטער אָטעוויל גיט מען אַ פּיעסע, וואָס בעריהרט איי־נע פון די אַקטועלסטע און ברענענדסטע יודישע פּראָבלעמען, דאָס פּראָבלעם פון ציוניזם און ארץ־ישראל, די אינערליכע און אויסערליכע קאַמפען, וואָס האָבען זיך צופלאַקערט אַרום פּאַלעסטינע, סיי צווי־שען די יודען גופא, סיי צווישען דעם יונגען אַ־ידי־גען ישוב און דער אַרומיגער מוסולמענישער וועלט.

די פּיעסע הייסט „ארץ־ישראל" און איז פער־פאַסט פון צוויי מחברים — עדוואַרד עלוע און זשאַן באַטרא. דאָס איז אייגענטליך נישט קיין פּיעסע אין ענגען זין פון וואָרט. די פּאָליטישע זייט ווערט אַזוי בולט אונטערגעשטראָכען, אַזוי צו זאָגען „אַקטועל", כדי דער נישט־פערטרויטער צושויער זאָל זיך אין אינהאַלט קאָנען אָריענטירען, אַז די „אינ־פאָרמאַציע" זייט איז טיילמאָל גובר די האַנדלונג גופא.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, האָבען מיר פאַר זיך דעם כותל־המערבי. אָט דאָ אויף דעם אָרט קומען פאַר אַלע דראַמאַטישע צוזאַמענ־שטויסען צווישען די פערסאָנאַזשען פון דער פּיעסע. אַלם שלום און פשרה־מאַכער צווישען די שטריי־טענדע טרעט אויף אַנ'ענגלישער קאַפּיטאַן. ווען אַלטע יודען, וועלכע קומען מתפלל זיין פאַר דער הייליגער וואַנד, בעקלאָגען זיך דערויף, אַז עס ווער־נען נעקומען אַראַבישע אַרבייטער, בערוהיגט ער זיי! „איהר וועט דאַווענען און די אַראַבער וועט־לען פערריכטען די וואַנד". ווען דער אַלטער רער־זעהט די בלוי־ווייסע פעהנער און יאָגט מיט ש'עק, אַז ער הערט פון קבר די שטים פון אברהם אבינו, וועלכער פערשעלט די יודען פאַר די נייעס, וואָס זיי פיהרען איין, האַקט איהם איבער דער קאַפּי־טאַן: „פערלאָזט איך אויף ענגלאַנד"...

אָט דאָ, ביי דער וואַנד בעגעגענט אַ יונגער יוד, זשאַק לעבעל, וועלכער איז געקומען פון פּאַריז קיין ארץ־ישראל און געשפּטלט מיט אַנגעלענענהייטען, די יונגע ציוניסטקע שרה. זיי פערליבען זיך איינער אין

אַנדערע, און ער פערגעסט אַלצדינג, ער פער־געסט אייראָפּע און זיין טויט־האַנדעל און בעזעצט זיך מיט זיין געליבטער און איינער פון די יודישע קאָ־לאָניעס פון נאַציאָנאַל־פאָנד.

דער צווייטער אַקט קומט פאָר אין דער קאָ־לאָניע. דאָ געהען פערביי טיפּען פון יענע חלוצים — אידעאַליסטען, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל פון אַלע עקען וועלט, געבראַכט פון דער געמיינזאַמער אידעע צו בויען דעם יודישען ישוב. זשאַק לעבעל, וועלכער האָט החונה געהאַט מיט שרה'ן, ווערט ביסלעכווייז אַריינגעצויגען נישט נאָר אין דער אַר־בייט גופא, נאָר אויך אין דער אידעע פון דער אַר־בייט. פון אַ סקעפּטיקער און צווייפלער ווערט ער אַ פאַנאַטיקער פון ציוניזם. דער אַקט ענדיגט זיך מיט אַנ'אָנפאַל פון אַראַבער אויף דער קאָלאָניע און מיט אַ שיסעריי צווישען די חלוצים און די אַראַבער.

דער דראַמאַטיזם פון דער פּיעסע שטייגט, ווען אַנשטאָט דער מאַסען־שיסעריי קאָנצענטרירט זיך דער קאַמף אויף די חלוקי־דעות צווישען דעם מאַן און זיין פרוי. אַלע ציוניסטישע „פאַר און געגנער" גיסען זיך צונויף אין צוזאַמענשטויס פון די וועלט־אַנשויאונגען פון דעם מאַן און פרוי.

צוליב'ן טויט פון זיין פאָטער איז זשאַק לעבעל געצוואונגען צוריקצופאָהרען קיין פּאַריז. ער נעהמט מיט זיין פרוי שרה. דאָ פערלענט ער אַ ציוניסטישע עמיגראַציע־ביוראָ. אָבער עס קומט פאַר אַנ'אינער־וואַרטעטע ענדערונג: אין דער צייט, וואָס זשאַק ווערט אַלץ מעהר אַריינגעצויגען אין אַנגעצונדען פון ציוניסטישען אידעאַל, ווערט שרה אַלץ מעהר אָפּ־געקיהלט, און קומט סוף־כל־סוף צו אַ פולער ענ־טוישונג. עס קומט נאָך צו אייפערזוכט צום מאַן, וועלכער האָט ליב געקריגען זיין אידעע מעהר, ווי די פרוי.

און אַ שטורמישער סצענע קומט אַלץ אַרויס אויף דרויסען: צווישען די פּאַפּירען, העפטען, בראָ־שורען, בעריכטען וועלכע זי האָט מיט וואוט פונאַנדערגע וואָרפען איבער'ן צימער, ערקלערט זי דעם מאַן, אַז זי מיילט נישט מעהר זיינע אַנשויאונגען, אַז דער ציוני־זם איז אַ פאַלשע, אכזריות'דיגע אוטאָפּיע... ער אַנטלויפט אין שרעק. ד' קומט צו זיך, לויפט איהם נאָך, אָבער ס'איז שוין צו שפּעט: די אידעע האָט בעזיגט די ליבע.

און דעם מאָמענט קומט אַריין אַ בעקאַנטער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט. ער ווערט געוואויר, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ער קאָן בשום אופן נישט בעגרייפען, וואָס דאָ איז געשעהן, און אַנטוויקלען אויף דער קאַרטע פון אייראָפּע, דער עיקר אויף מזרח־עסטרייך און דרום־מערב רוסלאַנד, זאָגט ער: „אָט אין דעם אָרט האָב איך געזעהן אַ צושטערט דאָרף, צוהרגעטע איינוואוינער, צוראַבירט פערמע־גען... דאָ האָב איך געזעהן מוטערס, וועלכע מ'האָט אַוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט... דאָ אַ יאָמער־דיגען המון און אויף חורבות... צי דען וועט אַלס ענט־פער און אויף דעם אַלעמען"... אַנ'ערשעפּטע רופט ד' אויס: „פּאַלעסטינע איז אַזוי קליין"....

אין די דאָזיגע ווערטער האָבען די מחברים קאָנצענטרירט אַלע אַרגומענטען, נעגען ציוניזם, וועל־כע זענען געוואָרפען איבער דער גאַנצער פּיעסע. זייער געדאַנק איז: מלוכות האָבען אַנערקענט, קאַר מיטעטען פונקציאַנירען, גבירים געבען געלער, אָבער פאַהרען, פאַהרען „אהין" בלויז אידעאַליסטען, אַר־טאָפּיסטען.

ס. ח.

Dr. med.
M. Kersznor
קינדער־קראַנקהייטען
זשעלאַזנאַ 16 טעל. 151-96
שפּרעכשטונדען פון 1—3 און פון 5—6
אין דער לעטשניצע בושעזשינער 11 פון 11—1 נאָכמ.

Dr. med.
L. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציעל פאַר לונגען־ און האַרץ־קראַנקהייטען
בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג־זון
נעהמט אָן אין דערהיים פון 3—5.

הערן־שניידער־מייסטער
ר. ראָזענשטיין,
11, ליסטאָפּאַד 29, טעל. 176-80
טיילט מיט דער געעהרטער קונדשאַפט, דאָס צום ווינטער־סעזאָן ווערט די אַרבייט אויסגעפיהרט לויט דעם לעצטען סטיל פון דער מאָדע.
די מאָדערנסטע פעלצען אויף לאַגער־זעהר פּרייזווירדיג.

לאדז, 3 אָקטאָבער 1930

נייער פאלקסבלאט

לאדז, 3 אָקטאָבער 1930

פאלשע הייל-מיטלען

פון דעם וועלט-ווירטשאַפטליכע קריזיס

פון ד״ר ל. זשיטניצקי

דער גרויסער ווירטשאפטליכער קריזיס, וואָס הערשט איצט אין דער וועלט, צווינגט די ווירטשאַפטלער צו זוכן נייע פאַרמען און וועגן, וואָס זאלען פיהרען צום בעזייטיגען דעם קריזיס. דער בעגענווערטיגער ווירטשאפטליכער קריזיס איז אַ רעזולטאט פון די ווירטשאַפטליכע ענדערונגען, געקומענע נאָך דער גרויסער וועלט-מלחמה: צו די לענדער, וואָס פראָדוצירען פאַר׳ן וועלט-מארק זענען אויך צוגעקומען די פעראייניגטע שטאַטען און דאָס האָט געבראַכט סיי צו אַ רעוואָלוציע אין דער אַלגעמיינער לאגע פונ׳ם וועלט-מארק, סיי צו אַ פערשטארקונג פון דער ווירטשאפט גופא, ביז דער מלחמה זענען כמעט די איינציג עקספּלואַטירענדיגע לענדער געווען די אייראָפּעאישע, היות אָבער אויך די פעראייניגטע שטאַטען האָבען זיך אין משך פון דער מלחמה איבערגעבויט פון קאָנסומירענדיגע אין פראָדוצירענדיגע פאַר׳ן פרעמדען מארק האָבען זיך די אייראָפּעאישע לענדער געזעהן געצוואונגען אַרויסצושטעלען זייער ווירטשאפט אויף אַזעלכע אופנים, אַז זי זאָל זיין מסוגל זיך צוצופאסען צו די נייע בעדינגונגען אום צו ווערען ווידערשטאנדס-קרעפטיגער און קאָנקורענצפעהיגער.

אַזאַ ענדערונג אין דער וועלט-ווירטשאפט, טרייבט די ווירטשאפטליכע לענדער צו זוכן מעגליכקייטען צום אויסברייטערן זייערע האַנדעלס-בעציהונגען, עס זענען שוין אין דער היינטיגער געמאכט געוואָרען פערשידענע פרובען, אָנהויבענדיג מיט „דומפינג״-געזעצען ביז פעסט אַרומרינגעלדיגע אָפּצאָהל-מויערן אויף אַריינגעפיהרטע פרעמדע פראָדוקטען. אָבער דאָס אַלעס איז נאָך נישט געווען די ריכטיגע רפואה צום אויסהיילען די קראַנקהייט.

אַ גרויסע בעדייטונג וויל מען אין דעם צוזאַמען האַנג צוגעבען דעם בריאַן-פּאָרשלאַג וועגען אַנ׳-עקאָנאָמישער פּאַן-אייראָפּע, און דעסגלייכען האָט זיך איצ_ ענגלאנד אויפגעהויבען אַ נייע בעוועגונג פאַר אַ פעסטערען צוזאַמענבינדען די גרויסע ברי-טישע אימפּעריע און זי פערוואַנדלען אין איין אָפּ-געשלאָסענעם ווירטשאַפטס-געביט מיט אַ פרייען האַנדעלס-פערקעהר צווישען די איינצעלנע לענדער וואָס זענען איינגעשלאָסען אינ׳ם בריטישען רייך. ווידער ביי די פעראייניגטע שטאַטען בעמערקט זיך אַ טענדענץ „אַנט-אייראָפּעאיזירען״ דעם אמעריקא-נישען אויסערליכען האַנדעל און איהם מעהר ווענ-דען אויף די לענדער, וואָס געפינען זיך אויסער די אייראָפּעאישע געביטען. אויף אַזאַ אופן זענען די גרויסע ווירטשאפטליכע לענדער אָוועקגעשטעלט גע-וואָרען אין אַ לאַגע פון מוזען זוכן נייע וועגען אום צו קענען איבערוויגדען און מנצח זיין דעם הערשענדיגען ווירטשאפטליכען וועלט - קריזיס, כאָטש קלאָר איז, אַז פאָרלויפיג איז עס אַנ׳אָנ-ווענדען פון מיטלען וואָס וועלען אפשר ברענגען זיי-ערע אויסווירקונגען אין דער צוקונפט, ווייל יעדער שוין איינגעבירגערטע ווירטשאפטס - פּאָליטיק לאָזט זיך נישט אַזוי גרינג צו בעזייטיגען דווקא דורך דעם וואָס עס זענען אויסגעפינען געוואָרען נייע מעטאָדען.

פון אַלע פּלענער, איז דער אַקטועלסטער די ענגלישע שטרעבונג זיך אָפּצוגרעניצען אין א בעזונ-דערען אָפּגעשלאָסענעם ווירטשאַפטס-געביט, דער פּלאַן איז פערבונדען מיט׳ן צייטונגס-מאַגנאַט לאָרד ביווערבוק, און דער קען געוויס אויך האָבען ער-פאָלג, ווייל מיט אַזאַ פּלאַן זענען מסכים נישט בלויז די ענגלישע סיטי-קאַפּיטאַליסטען און אינדו-סטריעלער, נייערט אויך די ענגלישע פּראָפעסיאָנע-לע פעראיינען, דער פּלאַן בעשטעהט אינ׳ם אָפּשאַ-פען די אָפּצאָהל-גרעניצען צווישען ענגלאנד מיט איהרע דאָמיניעס, און קאָלאָניעס, מ׳גלויבט, אַז דאָס אָפּשאַפען פון די אָפּצאָהלען וועט פערגרעסערן דעם פּראָדוקציע-אויסטויש צווישען די איינצילנע לענדער פון דער בריטישער אימפּעריע מיט׳ן הויפּט-צענטער און דאָס וועט ווירקען צו אַ סטאַגנאַציע אין דער אינ-דוסטריע און אַרבייטסלאָזיגקייט, פון וועלכער ענג-לאַנד ליידט אַמשווערסטען, און כדי אַזאַ פּלאַן זאָל געווינען אין שטאַרקייט און האָבען ערפאָלג, דאַרף זיך ענגלאנד אָפּגרענצען פון די אַנדערע אייראָפּע-אישע לענדער מיט גרויסע אָפּצאָהל-מויערן.

אויב דער פּלאַן זאָל ענדליך פערווירקליכט ווע-רען, וועלען די דאָמיניעס און קאָלאָניעס בעקומען אַ פּריווילעגירטע לאַגע אין דער וועלט-ווירטשאפט דאָס הייסט, אַז קאַנאַדע וועט אָהן שום אָפּצאָהל קענען אַריינפיהרען איהרע תבואות קיין ענגלאנד, דרום-אפריקע — איהרע בהמות און אויסטראַליען — בוימוואָל און פלייש. אין רעזולטאַט פון אַזאַ פערווירקליכטען פּלאַן וועלען געוויסע דערנעהרונגס פּראָדוקטען און רוישטאָפען זיך פערבילינערען אויפן ענגלישען מארק און דאָס זעלבע וועט זיין מיט די ענגלישע אינדוסטריעלע אויסאַרבייטונגען אין קאַ-נאַדע, דרום-אַפריקע, אויסטראַליע און אין די איבע-ריגע ענגלישע דאָמיניעס, די אַלע לענדער וועלען פּריווילעגירען איינע די צווייטע אויף אַ געגענזיי-טיגען אופן בעת געגען די אַנדערע פרעמדע לענדער וועט מען זיך פערבראָנירען מיט אַ גרויסען אָפּצאָהל אויף זייערע אַריינגעפיהרטע אויסאַרבייטונגען.

אָבער דאָס איז די טעאָרעטישע זייט פונ׳ם בי-ווערברוק-פּלאַן, אַ צווייטע פראַגע איז אויב אין דער פּראַקטיק קען אַזאַ פּלאַן האָבען א קיום און ממשות. ווייל ווי אַזוי ענגלאַנד זאָל נישט זיין די הערשערין איבער איהרע קאָלאָניעס און אַ דעה-זאָגערין אין די דאָמיניעס, האָבען דאָך די איינצעלנע לענדער זייערע בעשטימטע אויטאָנאָמיעס, וועלכע זיי קענען ביי געוויסע פּאַלען אויסנוצען געגען דעם ענגלישען ווילען. אינדיען האָט זיך איהרע פינאַנציעלע אויטאָנאָמיע, אויסטראַליע קען זיך אַמאָל שטעלען גע-גען אַ פרייען אריינפיהרען די אויסאַרבייטונגען פון דער ענגלישער אינדוסטריע, ווייל אַזאַ „ווירט-שאַפטליכע פרייהייט״ קען ווירקען אויפ׳ן לעבענס-סטאַנדאַרט פונ׳ם אויסטראַלישען אַרבייטער, און עהנליכע פאַלען קענען זיך איבערחזרען אויך אין די אנדערע לענדער.

פאָרלויפיג וועט געוויס קאַנאַדע זיין איינשטי-מיג פאַר׳ן ענגלישען פּלאַן. פאַר קאַנאַדע וואָלט אַזאַ פּלאַן געקענט ווערען אַנ׳ענטפער אויף די גרויסע אָפּצאָהלען, מיט וועלכע די פעראייניגטע שטאַטען האָבען זיך איצט פערבראָנירט געגען דער וועלט.. אָבער דאָס וועט ווייניג ענדערען די ווירק-ליכקייט, ווייל ד יפעראייניגטע שטאַטען דראָבערען אין ווירטשאַפטליכע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער און לאָזען זיך שוין אויך פיהלען אין די ענגלישע קאָלאָניעס, בעת אין אייראָפּע איז דער האנדעל מיט די פעראייניגטע שטאַטען אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

אינ׳ם אָנהויב פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט ווען ענגלאנד האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ ווירט-שאַפטליכע מאַכט אויפ׳ן וועלט-מאַרק האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון לאַנדווירטשאַפט און זיך געווידמעט אויסשליסליך דער אינדוסטריע. די ענגלישע אינ-דוסטריע-אויסאַרבייטונגען זענען געווען אויסער יע-דער קאָנקורענץ אויפ׳ן וועלט-מאַרק און די ענגלי-שע אינדוסטריעלער האָבען געהאַט אַנ׳אינטערעס אַז די אַרבייטער פון זייערע פאַבריקען זאָלען בע-קומען זייערע דערנעהרונגס-פּראָדוקטען צו ביליגע פּרייזען, און דערפאַר האָבען זיי געפאָדערט דאָס אָפּשאַפען פון די אָפּצאָהלען אויף אַריינגעפיהרטע סחורות.

אָבער אין ד ימאָדערנע צייטען האָט זיך די לאַגע ענדגילטיג געענדערט. אי די פעראייניגטע שטאַטען און אין דייטשלאַנד האָבען זיך ענטוויקעלט אינדוסטריען, וואָס קאָנקורירען שטארק די ענגלישע פּראָדוקציע, דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז די ענגלישע עקאָנאָמיסטען זאָלען רעווידירען זייערע טעאָריעס וועגען דעם פרייען האַנדעל וועלכער בע-קומט איצט אַ נייעם שטיצפונקט אינ׳ם ביווער-ברוק-פּלאַן.

דער ביווערברוק-פּלאַן וועט בעגעגענען געוויס שוועריגקייטען מצד די דאָמיניעס און קאָלאָניעס, פון ריין-סאָציאַל-פּאָליטישע צוועקען איז פאַר זיי נישט געוואונשען אַזאַ נאָהענטקייט מיט דער עקס-פּלואַטירענדיגער מעטראָפּאָליע. אָבער אויך אין אַנדערע היגזיכטען וועט דער פּלאַן בלייבען אַ פיינע ווירטשאַפט-דיכטונג פון אַ ווייניג-בעגרייפענדיגען עקאָנאָמיסט. זאָל זיך דער פּלאַן פערוואַנדלען אין אַ געזעץ, דאַרף מען וואַרטען, אַז אויך די אַנדערע לענדער וועלען נישט בלייבען גלייכגילטיג צו דער ענגלישער שטעלונג, געוויס וועלען די אַנדערע לענ-דער אויך אָנווענדען עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס לגבי דער ענגלישער פּראָדוקציע און דאָס וועט מוזען פיהרען צו איין אַלגעמיינער אָפּצאָהל-מלחמה פון אַלע ווירטשאַפטס-לענדער געגען דער בריטישער אימפּעריע.

און אוי דאָין פיל אַנדערע היגזיכטען איז דער ביווערברוק-פּלאַן בלויז אַ חלום פון אַ לאָרד, וואָס וויל ווערען אַ פיהרער. ווייל ענגלאַנד איז שטאַרק אָפּהענגיג פון דער גאַנצער וועלט, אויסער איהרע קאָלאָניעס און דאָמיניעס. זינט דער מלחמה האָט זיך דער ענגלישער עקספּאָרט - האַנדעל פערגרע-סערט אויף פופציג פּראָצענט און אין דער גלייכער צייט האָט זיך דער האַנדעל פון די דאָמיניעס און קאָלאָניעס פערגרעסערט אויף גאַנצע הונדערט פופ-צעהן פּראָצענט. דערביי איז געוואָרען שטאַרקער די האַנדעלס-פערבינדונג צווישען ענגלאַנד מיט די אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכות. דער עקספּאָרט פון גרויס-בריטאַניע אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט פאַר די לעצטע דריי יאָהר בעטראָפען אַנ׳ערך פון 211 מיליאָן פונט שטערלינג, בעת אין 1927-טען יאָהר האָט ער אויסגעמאַכט בלויז 198 מיליאָן. דאַ-געגען האָט זיך דער ענגלישער עקספּאָרט אין די קאָלאָניעס פערקלענערט און בעטראָפען 324,5 מיל-יאָן פונט און אין 1929-טען יאָהר שוין נאָר 324,5 מיליאָן.

ווי אַזוי ענגלאַנד זאָל נישט וועלען ענדערען די ווירטשאַפטס-מעטאָדען און פּרינציפּען, וועט זי מו-זען נעהמען אין בעטראַכט איהרע בעציהונגען צו די אַנדערע ווירטשאַפטס-לענדער פון וועלכע ענג-לאַנד גופא איז שטאַרק אָפּהענגיג. יעדעס אָפּגרענ-צען זיך איז דראָהענד פאַר ענגלאַנד, ווייל גרויס-בריטאַניע שטעלט נישט פאָר מיט זיך אַזאַ ווירט-שאַפטס-איינהייט, וואָס זאָל זיך קענען פערשליסען און אָפּשליסען מיט אַנ׳אייגענעם אויסטויש-האַנ-דעל. ענגלאַנד קען בשום אופן נישט גאַראַנטירען איהרע דאָמיניעס און קאָלאָניעס אַזאַ שטעלונג אויפ׳ן אייגענעם מאַרק, ווי דיזעלביגע האָבען געהאַט אויפ׳ן וועלט-מאַרק, און דעסגלייכען זעהט מען, אַז דער ענגלישער עקספּאָרט גופא האָט זיך פערקלענערט און וועט זיך געוויס נאָך מעהר פערקלענערן אונ-טער׳ן דרוק פון די פעראייניגטע שטאַטען, די גאַנ-צע איבערפּראָדוקציע פון די פעראייניגטע שטאַטען וועט אַלץ מעהר און מעהר זיך ריכטען אין די ענג-לישע קאָלאָניעס און דאָמיניעס. וועלכע זענען אין הויך-קאַפּיטאַליסטישען זין נאָך נישט אינגאַנצען אויסגעעקספּלואַטירט געוואָרען, און אין דעם ווערט-לויף וועט זיך ענגלאַנד נישט ראַטעווען מיט בי-ווערברוק-פּלאַן, דער פּלאַן איז אַ פּאַליאַטיוו, אָבער נישט דאָס ריכטיגע מיטעל, וואָס ברענגט די פול-קומע היילונג, ווייל דער ווירטשאַפטליכער קריזיס קען בעלייזט ווערען אויסשליסליך אין אַנ׳אינטער-נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב און נישט דורכ׳ן ענדערען די לאָקאַל-ווירטשאַפטליכע מעטאָדען און פּרינציפּען.

דער קייזער פון די נודניקעס

(שטיפעריי) **פון ב. קאָוונער**

איך בין געזעסען און געטרערט מיט א רע-דאקטאר וועגען ליטעראַטור און מסחר. איך האָב געזאָגט: די יודישע ליטעראַטור האָט זיך נישט וואָס צו שעהמען. אַקעגען אַנדערע ליטעראַטורען: מיר האָבען גרויסע זשורנאַליסטען, דיכטער, נאָוועל-שרייבער און ראָמאַנען-שרייבער גלייך מיט אַנ-דערע פעלקער. און ער, דער סוחר, האָט געלאַכט פון מיר: „די ליטעראַטור ריינע יעם אונטער-געהן״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ פעסטען טאָן — „בליי-בען וועלען בלויז די געשעפטסלייט, די סוחרים״.

איך האָב איהם געזאָגט: „איריאָט. בהמה!״ און ער מיך — „ווילדער משוגע׳נער, זוסטע פאַנ-טאַסטיקער״.

אין מיטען פון אונזער היציגען געשפּרעך האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ און מיר איז באַלד האָט זיך בעוויזען מיינער אַ שכן פון דריטען הויז, לאַפּירוס, רופט מען איהם. ער איז אַ שוסטער-געזעלע, נאָר ער אַרבייט שוין נישט אַ פּאָר חדשים.

— גוט — זאָגט ער — וואָס איך האָב איך געטראָפען אין הויז! מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זיצט קיין מאָל נישט אין דערהיים. איצטער זעה איך, אַז יענע מענשען זאָגען ליגענט.

— ביי אונז זאָגט מען „ליגען״ — פערריכט איך דעם שכן.

— און ביי אונז זאָגט מען נישט „ליגען״, נאָר „ליגענט״.

— זאָל זיין ליגענט. וועמען אַרט עס, אַבי ס׳איז נישט אמת.

— איך וויל אייך עפּעס פרעגען... אייער פריינד וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך האָב אַ-בערגעריסען אייער שמועס.

— וואָס ווילט איהר פרעגען?

— איהר וועט לאַכען פון מיר, איך מיין, אָבער איך הער נישט. איהר מעגט לאַכען וויפיל אייער האַרץ גלוסט. לאַכען איז געזונד, האָט געזאָגט אַ יודישער שרייבער, איך געדענק נישט וועלכער — אַרער שלום אַש, אַרער לאַזאר קאהאַ.

— שלום עליכם האָט עס געזאָגט.

— מילא, שלום עליכם.

— וואָס-זשע ווילט איהר פרעגען?

— איך וויל אייך פרעגען: תּ׳ם, דענקט איהר, וועט זיין דער סוף פון רומעניש קעניג? ער וועט טאַקע חתונה האָבען מיט זיין יודישער געליבטער אָדער ווידער בלייבען מיט דער גוי׳אישע פּרינצע-סין? עס נעהמט מיר, ממש, איך לעבען דאָס צו וויסען. איך בין אין דעם שטאַרק פעראינטערעסירט. איך דענק, ווען ער זאָל חתונה האָבען מיט זיין יודישער געליבטער, וואָלטען מעהר נישט פרעגען

קיין פּאַגראָמען אין רומעניע. דענקט איהר נישט אַזוי? איך ווייס, אַז אַ חייב קען אַלץ אויספיהרען ביי איהר מאַן, אויב זי איז נאָר נישט קיין נאַר. און אַז זי איז נישט קיין נאַר, זעהט מען אין דעם וואָס אַ פּרינץ, אַ קעניג ליבט זי. האָב איך רעכט, צי ניין? ווייל איך וויסען, וואָס איהר דענקט וועגען דעם. איהר זייט דאָך עפּעס אַ צייטונגס-מענש, אַ שרייבער.

— שווער צו זאָגען! אָדער ער וועט ווייטער בלייבען וואוינען מיט זיין אמת׳ער פרוי, אָדער ער וועט חתונה האָבען מיט דער יודישער געליבטער, אָדער ער וועט זיין אַ מאַן אין אַ גאַנצער טאָג אַזוי אַ טרייער פרנסה-געבער צו ביידען... אַ פּרינץ קען עס אויספיהרען. דענקט איהר נישט, אַז עס לוינט זיך אַזאַ זאַך אויפ׳ן שכל?

— אויב איינער האָט שכל!

— אוודאי, ווען איינער האָט נישט קיין שכל, איז ער ראַר אַ פערד.

— אוודאי!

און דער שכן איז אַרויס פון הויז מיט קליינע טריט, קוים וואָס ער האָט געשאַרט מיט די פיס.

אויף מאָרגען אין דער פריה, בשעת איך האָב בעשפּריצט מיינע בלומען, האָט זיך ווידער אַמאָל בעוויזען דער זעלבער שכן, וואָס מען רופט איהם לאַפּירוס, וואָס געהט שוין אַרום עטליכע חדשים אָהן אַרבייט:

— גוט מאָרגען, פּאַניע קאָוונער.

— גוט מאָרגען, פּאַניע לאַפּירוס!

— איך בין ווידער געקומען צו אייך מיט דער זעלבער פראַגע... איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אַנ׳אויג צומאַכען צוליב׳ן רומענישען קעניג, קאַרל.

— איהר האָט שוין מעהר גאַרנישט וואָס צו זאָרגען? — פרעג איך.

— איך האָב גענוג צו זאָרגען. איך אַרבייט שוין נישט אַריבער פיר חדשים. בין שוין אַ בעל-חוב איבער׳ן קאָפּ. דער געוועלבער מיט׳ן קצב וויל מעהר נישט באָרגען. די עלעקטריע האָט מען מיר פערמאַכט. די קינדער לענען זיך שלאָפען אָהן וועטשערע. די פרוי יאָמערט, די שוויגער שעלט. דער שווער ברומט און דער באַלעבאָס מאָנט דירה-געלד און איך האָב נישט און דאַך... געהט מיר רומעניע נישט אַרויס פון געדאַנק... איך טראַכט נאָר וועגען רומעניע... עס ווילט זיך וויסען: מיט וואָס די געשיכטע וועט זיך ענדיגען? צי וועט קאַרל טאַקע חתונה האָבען מיט דער יודישער געליבטער, אָדער ער וועט בלייבען ביים אַלטען? וואָס דענקט איהר וועגען דעם? איהר, אַלס אַ צייטונגס-מענש, האָרפּט עס וויסען. ראַה, ווי זאָגט מען עס, אַ וועלט-מענש! דאַך זיין מעהר שטאַרק פעראינטערעסירט

און דעם... די זאַך, פערשטעהט איהר מיר, איז פשוט: אויב קאַרל וועט בלייבען ביים אַלטען, וועלען ווידער זיין פּאָגראָמען. וועט ער חתונה האָבען מיט זיין יודישער געליבטער, וועלען, הייסט עס, אַ יודישע אייערעס, וועלען קיין פּאָגראָמען מעהר נישט זיין. און דאָס איז פאַר אונז, יודען, וועהר ווי מכות! מחמת פּאָגראָמען און וועהר נישט געזונד פאַר יודען... איהר ווייסט עס אַליין אויך... בעסער וואָלט געווען. אַז קאַרל זאָל יאָ חתונה האָבען מיט זיין יודישער געליבטער, איידער ער זאָל נישט חתונה האָבען...

— איך דענק אויך אַזוי, — זאָג איך, און איך בעשפּריץ ווייטער די בלומען, — אוודאי איז נישט גוט קיין פּאָגראָמען אויף יודען... אָבער די פראַגע איז דאָך אַנ׳אַנדערע: אויב די יודישע געליבטע וועט ווערען דעם קעניג׳ס געזעצליכע פרוי, צי וועט זי דערמאָלט אַ זינען האָבען די יודען... עס קען זיין, אַז זי וועט אינגאַנצען פערגעסען, אַז זי שטאַמט פון יודען. זי קען זיך נאָך אַמאָל שמד׳ן אַפילו...

— איך גלויב עס נישט! אַ יודישע טאָכטער וועט עס נישט טאָן. זי איז נישט אַזאַ נאַר. אויפ׳ן קאָפּ קענט איהר זעהן, אַז זי איז אַ קלוגע...

— איך דענק אויך, אַז זי איז נישט קיין נאַר, — זאָג איך.

— עס פערהט מיך צו הערען פון אַ שרייבער אַזעלכע ווערטער...

דעם זעלבען טאָג, נאָכמיטאָג, איך זיץ און דרוקע אויף מיין הויף־עלקע, קוק אַריין אין אַ צייטונג, וואַקסט אויס, ווי פון אונטער דר׳ערד, מיין שכן, דער שניידער-געזעלע. דער זעלבער נודניק:

— איהר וועט מיר גלויבען, אַרער נישט? איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט. איך קען נישט שלאָפען, נישט עסען...

— אַלץ צוליב רומעניען? — פרעג איך — און קוקט ווייטער אַריין אין צייטונג.

— יאָ, אַלץ צוליב רומעניען. עס נעהמט מיר פשוט אין לעבען צו וויסען: צי וועט טאַקע דער קאַרל בלייבען ביי זיין ערשטער פרוי, אָדער ער וועט חתונה האָבען מיט דער יודישער געליבטער? בעסער וואָלט זיין, אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט דער יודישע געליבטער... עס וואָלטען זיך אָפּגע-שטעלט די פּאָגראָמען אויף יודען... און אויב ער זאָל בלייבען ביים אַלטען, האָב איך מורא, אַז... אַז..

איך האָב גענומען חלש׳ען און דער נודניק איז אַריין אין הויז אַרויסברענגען וואַסער.

דערווייל האָב איך זיך אַליין אויפגענומען און פאַלר נעשטעלט פיס!

ווען דער נודניק איז אַרויסגעקומען מיט א גלאָז קאַלטע וואַסער, האָט ער שוין נישט געזעהן מיך צו מינטערען...

איך בין שוין צוויי וואָכען נישט געווען אין דער היים. איך האָב מורא פאַר מיין שכן, וואָס מען רופט איהם לאַפּירוס און איז דער קעניג פון אַלע נודניקעס!

מעשה׳לעך פון „זוהר״ \ פון חיים עקשטיין

ווי אַזוי דער מענש איז בעשאפען געווארען

רבי שמעון האָט אָנגעהויבען צו דרשנען און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן פסוק:

— מה אנוש כי תזכרנו? — וואָס איז דען איבּערגעצען דער מענש, וואָס דו, רבונו של עולם, האָלסטו אין איהם געדענקען?!

אויף דעם האָט רבי שמעון דערצעהלט פאלגענדעס:

אין דער צייט, ווען עס איז דעם רבונו של עולם איינגעפאלען דער געדאנק, צו בעשאפען דעם מענשען האָט ער פריהער צוזאַמענגערופען גאָר אַ סך כתות (קלאַסען) פון מלאכים ער האָט זיי פאַר זיך אַוועקגעזעצט און מיט זיי זיך וועגען דעם בעראַטען: ער האָט געוואָלט הערען, וואָס זיי האָבען וועגען דעם דאָזיגען ענין צו זאָגען.

— איך וויל בעשאַפען אַ מענשען, האָט דער רבונו של עולם אָנגעהויבען פאַר זיי צו דערצעהלען.

דער דאָזיגער עסק איז אָבער די מלאכים פון פון אָנפאַנג אָן נישט געפעלען געוואָרען... זיי האָבען אין דעם נייעם בעשעפעניש דערזעהן פאַר זיך אַ קאָנקורענט און זיי האָבען דערפאר באלד — נישט לאַנג טראַכטענדיג — געענטפערט:

— אדם ביקר בל ילין, נמשל כבהמות נדמו (תהלים, קאַפּיטעל מ״ט).

די בעדייטונג פון זייערע ווערטער איז:

— ווען דער מענש לעבט אפילו אין עהרע, בעטראַכט ער גאָר נישט, אז ער איז געגליכען צו אַ בהמה...

דער דאָזיגער אויסשפּרוך, וואָס די מלאכים האָבען אַזוי גיך, גאָר נישט איבערגעטראכטערהייד ארויסגעזאָגט געגען דעם מענשען, האָט גאָט ברוך הוא שטאַרק פערדראָסען ער האָט דערפאר אַ מאַך געטון מיט זיינס אַ פינגער און די אַלע דאָזיגע מלאכים זענען פערברענט און פערניכטעט געוואָרען.

ער האָט פאַר זיך אַוועקגעזעצט אַנ׳אַנדערע כתה פון מלאכים און ער האָט צו זיי דאָס זעלבע דערצעהלט, אַז ער וויל איצט בעשאַפען אַ מענשען.

די צווייטע כתה מלאכים, זעהענדיג דעם סוף פון די פריהערדיגע מלאכים, זענען שוין געווען פיל פאַרזיכטיגער און נישט געאיילט ארויסצוזאָגען זייער עצה זיי האָבען זיך דערפאר געפרעגט זעהר פאַרזיכטיג:

— מה אנוש כי תזכרנו?! וואָס וועט דאָס אַזאַ אויסנס זיין דער דאָזיגער מענש, וועגען וועמען דו פרעגסט דיך?

— דער מענש וועט זיין אין אַ סך פרטים באַך העכער פון אייך, און דאָס וואָס ער וועט קענען דערגרייכען מיט זיין פערשטאַנד, דאָס וועט איהר קיין מאָל נישט קענען משיג זיין.

אַז די מלאכים האָבען דערהערט וועגען וואָסערליכע בעשעפניש עס האַנדעלט זיך דאָ, האָבען זיי שוין גאָר נישט געוואגט צו מאכען וועלכע עס איז איינוועגדונג, און אַזאַ אופן איז דער יבן־אדם, דער מענש, בעשאַפען געוואָרען...

אָבער — אַ צייט שפּעטער — ווען אדם הראשון האָט זיך אַזוי מיאוס בענאַרישט, ער האָט עובר געווען אויף גאָטס געבאָט, ער האָט געגעסען פון דער פערבאָטענער פרוכט און ער איז דערפאַר פערטריבען געוואָרען פונ׳ם גן־עדן, ווען דאָס איז געשעהען זענען צוויי פון די פאַרנעהמסטע מלאכים, עזה און עזאל, האָבען זיי געהייסען, געקומען און זיי האָבען גענעבען צו האָבען אַנ׳אוידיענץ ביים רבונו של עולם.

מיר האָבען אַ שטיקעל טענה, האָבען זיי אָנגעהויבען צו רעדען, אונזער „פתחון־פה״ איז טאַקע וועגען דעם מענשען, וואָס דו האָסט בעשאפען און איצט האָט ער שוין עובר געווען אויף דיין ערשטע געבאָט און נישט געפאָלגט דיינע ווערטער.

קודשא ברוך הוא האָט אַ לייכטען שמייכעל געגעבען און ער האָט די צוויי מלאכים געפרעגט:

— ווען איהר וואָלט געווען צווישען זיי, וואָלט איהר אויך געקענט ביישטעהען די זיסע און פערלאָקענדע ווערטער פונ׳ם יצר הרע?!

— זיכער וואָלטען מיר געווען געקענט! האָבען ביידע מלאכים געענטפערט מיט איין מאָל, האָט הייסט נישט קענען ביישטיין די אַנרעדעניש פון אַזאַ נאַרישען יצר הרע!

וואָס־זשע האָט דער רבונו של עולם אויף דעם געטון? איין קלייניגקייט.

ער האָט די דאָזיגע צוויי בעריהמטע מלאכים ארונטערגעלאָזט אויף דער ערד, זיי זענען דאָס די „נפילים״, וועגען וועלכע עס ווערט דערמאָנט אין דער תורה. אָבער אַז זיי זענען שוין דאָ געווען, זענען זיי געוואָרען נאָך פיל מעהר זינדיגער ווי עס זענען געווען די מענשען... זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט די מענשליכע פרויען און מיט זיי אַזעלכע זינד געטון, וואָס עס איז די מענשען גאָר פריהער נישט איינגעפאַלען...

ווען וועלן שוין מקוים ווערען די ברכות

די צוויי גרויסע געלעהרטע, רבי יוסי און רבי אלעזר, דער זון פון רבי שמעון בן יוחאי, דער מחבר פונ׳ם ספר „הזוהר״, זענען איין מאָל געגאַנגען אין וועג און האָבען עוסק געווען אין לערנען און דברי חכמה.

האָט רבי יוסי אַ פרעג געטון ביי רבי שמעונ׳ען פאָלגענדע פראגע:

— האָסטו נישט אַמאָל געהערט פון דיין גרויסען פאָטער, וועגען די ברכות וואָס יצחק האָט געבענטשט זיינע צוויי קינדער יעקב און עשו, פאַרוואָס זענען די ברכות צו עשו שוין אַזוי לאַנג מקוים געוואָרען און די ברכות פון יעקבן לאָזען אויף זיך אַזוי לאַנג וואַרטען? ביז איצט רעדט מען און מען זעהט גאָרנישט וועגען זיי.

— יא, איך האָב וועגען דעם יא געהערט פון מיין גרויסען פאָטער און ער האָט צו מיר געזאָגט פאָלגענדעס:

— דו קענסט, מיין קינד, זיכער זיין, אַז אַלע ברכות וואָס יצחק, און אויך דער רבונו של עולם, האָבען געגעבען צו יעקבן, וועלען אַלע זיכער דערפילט ווערען.

אָבער באַלד נאָכדעם וואָס יצחק האָט יעקב געבענטשט, האָט ער גענומען די אַלע ברכות און ער האָט זיי בעהאַלטען אויף אַ זיכערען אָרט — אין הימעל, וואו זיי ליגען נאָך ביז איצט, און ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, וועט מען זיי אַרויסנעמען און איבערגעבען צו יעקבן.

עשו אָבער — אַ פּראָסטער און מגושמדיגער מענש — ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיינע ברכות צו טון. ער האָט זיי צו קיינ׳מען נישט געוואָלט אָנגעטרויען. האָט ער דערפאַר תיכף אָנגעהויבען זיך מיט זיי צו בענוצען...

פאַר דאָס אָבער, אַז עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, און דער מלך המשיח וועט זיך בעווייזען אין זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, וועט יעקב בעקומען פון זיין זיכערען אָרט — פונ׳ם הימעל — די אַלע ברכות, וואָס ליגען דאָרטען פאַר איהם בעהאַלטען און אָנגעגרייט. עשו אָבער, וועט שוין דאָס זייניגע האָבען איינגאַנצען אויסגענוצט און ער וועט פערבלייבען ביי גאָר נישט... ער וועט נישט האָבען נישט די וועלט און אויך נישט די אַנדערע, בעסערע, וועלט.

און אויף דער דאָזיגער קומענדיגער גליקליכער צייט, האָט נביאות געזאָגט דער נביא עובדיה, ווען ער האָט פאָראויסגעזאָגט:

— דאַן וועט יעקבס הויז זיין ווי אַ פייער, יוסעפס הויז — ווי אַ גרויסער פלאַם, און עשוס הויז — ווי שטרוי, זיי — דער פייער מיט׳ן פלאַם — וועלען איהם אָנצינדען און פערברענען. עס וועט קיין אנטרינונג נישט זיין פאַר עשוס הויז, דען גאָט האָט גערעדט!

דעם רבונו של עולם׳ס הבטחות

ביי אַנ׳אַנדער געלעגענהייט האָט רבי יוסי וועגען דעם זעלבען ענין געזאָגט פאָלגענדעס:

דער פסוק דערצעהלט אונז (אין ירמיה, קאַפּיטעל ל׳): „און דו האָב גאָר קיין מורא, מיין קנעכט יעקב, און שרעק זיך נישט ישראל״, אַז די דאָזיגע ווערטער בעציהען זיך אויף דער צייט, ווען יעקב איז אַרויס פון זיין פאָטער יצחקן און ער האָט מיט זיך מיטגעהאַט זיינע ברכות, האָט ער ביי זיך געטראכט: אָט די דאָזיגע ברכות וויל איך בעהאַלטען אויף אַ פיל שפּעטערע צייט, ווייס איך אָבער נישט, אויב מען קען זיי אַזוי לאַנג האַלטען און אויב זיי וועלען דאַמאָלסט נישט האָבען אָנגעוואוירען זייער ריכטיגען ווערט? אויף דעם האָט ער באַלד דערהערט אַ געטליכע שטימע, וועלכע האָט איהם, פונ׳ם הימעל אַראָפּ, געלאָזט וויסען:

— והתה אל תירא עבדי יעקב נאל תחת ישראל, כי אתך אני, איך וועל דיך קיין מאָל נישט פערלאָזען דאָ אויף דער וועלט — און אַזוי אויך אין די ווייטערע, שפּעטערע, צייטען, אויף וועלכע דו האָסט בעהאַלטען דיינע ברכות, ואתה זרעך מארץ שבים — כאָטש עשו האָט זיך שוין איצטער אָנגעהויבען צו בענוצען מיט זיינע ברכות און דיינע אייגענע קינדער מוזען פאַר דאָס ביי איהם דערווייל זיין פערשקלאַפט, וועל איך זיי פון זיין מאַכט אַרויסנעמען, זיי פיהרען אין זייער לאַנד אַריין — ושב יעקב — יעקב וועט זיך דאַמאָלסט צוריקקעהרען צו זיינע אַלטע איהם געגעבענע ברכות — ושקט ושאנן ואין מחריד — יעקב וועט זיין רוהיג און זיכער און קיינער וועט איהם מעהר נישט שרעקען!...

שיינע און הייליגע הבטחות. הלואי וואָלטען זיי שוין וואָס גיכער מקוים!...

דוד המלך און דער פראָש

דער גרויסער און העלדישער קעניג דוד איז אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירען ביים ברעג פון אַ טייך, ער האָט געהאַלטען אין איין נאָכדענקען וועגען די גרויסקייט פונ׳ם רבונו של עולם און אויף וואָסערע אופנים עס איז צום בעסטען איהם צו דינען.

אַזוי נאָכקלערענדיג, איז איהם אויך איינגעפאַלען אַ געדאַנק וועגען זיין אייגענער פּערזאָן און ווי גוט און פרום ער איז און אַז זיין גאַנצעס לעבען האָט ער אָפּגעגעבען צו דעם הייליגען דינסט פונ׳ם השם יתברך.

עס איז, זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער גרויסער קעניג — וועלכער איז דאָך נישט געווען מעהר ווי אַ מענש, אַ בשר ודם — האָט פון דעם דאָזיגען געדאַנק גרויס הנאה געהאַט און ער איז געווען שטאַרק צופרידען מיט זיך און זיינע פרומע מעשים.

אָבער פּלוצים האָט ער, ביים ברעג פונ׳ם וואַסער, דערזעהען אַ קליינעם פראָש, אַזאַ נישטיגע און נישט אנזעהענדיגע זשאַבע. זי האָט דעם קעניג אָפּגעשטעלט און צו איהם געזאָגט, אויף איהר אייגענעם לשון:

— דוד, דוד! וואָס ביזטו אַזוי שטאָלץ און גרויס ביי דיר אויף דיינע גוטע טאַטען, וואָס דו דינסט אַזוי געטריי דעם רבונו של עולם? נעהם דיר אַ ביישפּיל פון מיר, אַזאַ קליין און נישטיג בעשעפניש, און אויך איך טו דאָס זעלבע, וואָס דו, גרויסער און מעכטיגער קעניג!...

ווען דער רבונו של עולם האָט געוואָלט בעשטראָפען די מצריים, בין איך באַלד געווען גרייט און געווען פול אומעטום, אין זייערע טעפּ, קאַך־געשיר, און אין זייערע געלעגערען, אין זייערע וואַסערען און וואו זיי האָבען זיך נאָר אַ ריהר געטון...

און אויך דאָס, וואָס דו הערסט מיך אַ גאַנצען טאָג מאַכען מיט׳ן מויל און שטעל מיך נישט אָפּ, אפילו אויף איין איינציגער רגע, איז דאָס אויך נישט פאַר מיין אייגענעם נוצען וועגען. די דאָזיגע קולות, וואָס איך לאָז אַרויס פון מיין מויל, דאָס זענען מיינע לויב־געזאַנגען צו דעם הייליגען בעשעפער, וועלכער האָט מיר געשייקט דאָס לעבען... וואָס זשע האָסטו דיך אַזוי איבערצונעמען און צו שטאָלצירען מיט דיין גרויסען פרומקייט?!

אַז דוד המלך האָט דערהערט די דאָזיגע ריכטיגע און וויכטיגע ווערטער, האָט ער זיך זייער פערשעהמט. ער האָט אין האַרצען תשובה געטון און אויף זיך גענומען, מעהר נישט שטאָלץ און האָפּערדיג צו זיין.

אַז ער איז אַהיימגעקומען צו זיך אינ׳ם פּאַלאַץ, האָט ער אַרויסגענומען זיין ספר תהילים און ער האָט דאָרטען צוגעשריבען דעם פּסוק:

„גאָט! מיין האַרץ האָט נישט שטאָלצירט, מיינע אויגען נישט הויך געקוקט און איך האָב זיך נישט צוגעוואוינט צו אַלץ, וואָס איז גרויס אָדער אונאומדערגרייכבאַר פאַר מיר״... (תהילים, קאַפּיטעל קל״א).

א שאַך־שפּיל \ (ערצעהלונג) \ פון ו. וועוועיאָרקע

— איצט וועל איך אייך דערצעהלען וועגען אַ שוידערהאַפטע איבערלעבונג — האָט זיך אָפּגערופען פלוגמאַן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבען אַ גאַנצע רייה קאָמישע און וויציגע עראינערונגען זיינע, און נישט וואַרטענדיג ביז מען וועט איהם בעטען האָט ער אָנגעהויבען.

— די געשיכטע איז געווען מיט אַ יאָהר דריי צוריק. מיין גאַנצע בעשעפטיגונג איז דעמאָלט בעשטאַנען נאָר אין שפּילען שאַך.

אַז איך שפּיל נישט שלעכט אין שאַכמאַט, ווייסט איהר דאָך — דעמאָלט האָב איך אָבער בעסער געשפּילט. כ׳האָב געהאַט מעהר געדולד אויך, כ׳האָב זיך מעהר אינטערעסירט מיט שאַך־טעאָריע.

פאַר אַנ׳אָפּטען פּאַרטנער האָב איך געהאַט אַ בחור אַ שווייגענדיגען, אַנ׳עקשן און אַ קאַרגען, וועלכער האָט אָבער געהאַט די אַמביציע צו ווערען אַ טשעמפּיאָן אין שאַך־שפּילען.

איך האָב ביי איהם שטענדיג געוואונען, און יעדעס מאָל איז עס ב׳ייאיהם געווען נאָר אַ צופאַל; ער האָט געמאַכט איין שטאַרקען פעהלער — האָט ער געזאָגט — און דערפאַר האָט ער געמוזט פערלירען די פּאַרטיע; פערשטעהט זיך, אַז מען האָט באַלד געמוזט שפּילען אַ פרישע פּאַרטיע, און ער האָט ווידער געמאַכט אַ פעהלער און ווידער פערשפּילט און ווידער האָב איך געמוזט שפּילען נאָך אַ פּאַרטיע — כאָטש כ׳בין שוין געווען שרעקליך פערמאַטערט.

אוי ביים שפּילען איז ער געווען שרעקליך נערוועז, געבּרומט ווי אַ בייזע חיה ווען זי לאָזט זיך צו איהר רויב, האָט ער בעקוקט אויף די שאַך־פיגורען, אונטערגעגעבען האָט ער זיך נישט. ווען אַפילו ס׳איז שוין געווען אַ קלאָרע זאַך, אַז ער האָט פערשפּילט — מען האָט אהים געמוזט געבען מאַט.

און ערשט דאַן האָט ער זיך אַליין געזידעלט מיט אַזעלכע זלוזלים וואָס אַז אַ פרעמדער וועט אייך זאָגען נאָר צו הונדערט חלק פון דעם וואָס איהר אים אויסהאַקען אַלע ציינער, און אַז עס איז שוין געווען אַזוי טפּעט, דאָס מען האָט שוין געמוזט אַהיימגעהן שלאָפען, האָב איך איהם געמוזט צוזאָגען אויף מאָרגען נאָכאַמאָל צו שפּילען, דאַן האָט ער מיר פערזיכערט, וועט ער מיר שוין ווייזען וואָס עס הייסט אזוינס שפּילען שאַך.

אַזוי איז עס געגאַנגען מאָגאַטען נאָכאַנאַנד, און יעדעס מאָל, וואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון שפּילען מיט איהם בין איך געווען שרעקליך צוטראָגען, עס האָט מיך פערפאָלגט אויפ׳ן גאַנצען וועג אַהיים זיין ברומען, ווי אַ בייזע חיה, זיין שרעקליכע צורייצטקייט און זיין פינסטערער בליק, נישט איינמאָל האָב איך, שוין געהאַט ב׳ייזיך אָפּגעמאַכט אַז אָדער איך הער אויף מיט איהם צו שפּילען אָדער — איך לאָז איהם אומשינע געווינען. אָבער — אויב איהר קענט די פּסיכאָלאָגיע פון אַ שאַך־שפּילער, פערשטעהט איהר אַליין, אַז כ׳האָב נישט געטון דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. כ׳האָב געשפּילט און געוואונען, און מיין פּאַרטנער האָט ביים שפּילען ווידער געברומט ווי אַ בייזע חיה, וואָס ט׳האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען אַ שרעק, און ביים פערשפּילען האָט ער ווידער זיך אַליין געזידעלט מיט די מיאוסטע ווערטער.

מיט איינמאָל בעקומט מיין פריינד אַ געהירן ערשיטערונג, — ער ווערט משוגע און ווילד־משוגע, — האַקט און בראָקט אַלץ, — מען מוז איהם אַריינגעבען אין אַ משוגעים־הויז אריין. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס איז איהם געקומען פון שאַך־שפּילען, אַ סימן, אַז ער האָט נאָר גערעדט פון שאַך. איך האָב אויפריכטיג בעדויערט מיין אומגליקליכען פריינד, און אַז כ׳האָב געהערט מיט עטליכע וואָכען שפּעטער אַז ער איז שוין געזונד, און ער איז שוין ווידער אינדערהיים, האָב איך מיך זעהר געפרעהט, מען האָט מיר דערצעהלט, אַז מען זעהט ביי איהם נישט קיין שום אומנאָרמאַלעס, נאָר ער שווייגט צופיל... אַלע זענען געווען איינשטימיג מיט מיר, אַז איך דאַרף איהם נישט בעזוכען, וואָרום מיט מיר וועט ער דאָך ווידער וועלען שפּילען שאַך און דאָס טויג געוויס נישט פאַר איהם, אַגב האָט מען מיר איבערגעגעבען אַז ער האָט געפרעגט אויף מיר, געזאָגט אַז ער וואָלט מיט מיר געוואָלט שפּילען אַ פּאַרטיע שאַך. אָבער מען האָט איהם געזאָגט, אַז איך בין אַוועקגעפאָהרען.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַ רעגענדיגען נאָכמיטאָג איך בין אַליין ביי מיר אין צימער, כ׳פיהל מיך מיד און שלעפעריג, איך לייג זיך אויפ׳ן בעט און דרימעל איין. פּלוצלינג פיהל איך ווי עמיץ וועקט מיך. איך עפען אויף די אויגען, און זעה פאַר מיר שטעהן מיין פריינד דעם שאַכיסט, זיינע אויגען האָבען געהאַט יענעם בעקאַנטען אויסדרוק וועלכער איז מיר געווען בעקאַנט פון די שאַך־פּאַרטיעס מיט איהם, זיין געזיכט איז געווען פינסטער און בייז און ארום זיין מויל איז געווען אויסגעגאָסען אַזוי פיל גיפט כעס און בייזקייט, זיין פּלוצלינג ערשיינען זיין האַלטונג האָבען אויף מיר אָנגעוואָרפען אַ שרעק און אַנ׳אומהיימליכקייט, איך האָב זיך געפּאַסט מוט און איהם געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— אַ, וואָס מאַכסטו גרוישעפּס?

זיין פּנים איז אָבער געבליבען קאַלט און פינסטער, אַנשטאָט מיר צו ענטפערען האָט ער געזאָגט:

— קום מאַכען אַ פּאַרטיע שאַך.

און געזאָגט האָט ער עס אַזוי שטרענג, און בעפעהלעריש, אַזוי קאַלט־בלוטיג אַז איך האָב גאָר נישט געטראַכט, אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, צוגעגאַנגען צום שענקעל, אַרויסגענומען דעם שאַך און אַזוי שווייגענדיג ווי ער איז געווען האָב איך זיך אויך אַוועקגעזעצט שפּילען מיט איהם אַ פּאַרטיע שאַך.

אויפגעשטעלט די פיגורען, האָט ער אַ שווייגענדיגער אויפגעוואָרפען ווער ס׳זאָל בעקומען די ווייסע און אַז עס איז אויסגעפאַלען אויף איהם, האָט ער געמאַכט דעם ערשטען צוג און דאַן זיך געווענדעט צו מיר טרוקען און קאַלט:

— אויף וואָס שפּילען מיר?

— אויף אַ גוטען ציגאַר, — זאָג איך, און זיין קאַלטער, שוידערליכער בליק נעהמט מיך אַדורך.

— צו־קאָפּ — זאָגט ער ערנסט.

— טאָ זאָג: אויף וואָס ווילסטו שפּילען?

דאָ האָט ער זיך אויפגעשטעלט צוגעגאַנגען צו דער טיר זי פערשלאָסען, גענומען דעם שליסעל צו זיך אין דער טאַש אריין, דאַן האָט ער ארויסגענומען פון טאַש אַנ׳אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און האַלטענדיג דעם רעוואָלווער פעסט אין דער האַנד ווענדט ער זיך צו מיר:

— הער אויס: דו ווייסט דאָך אַז איך בין משוגע און אַ משוגענער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד איז געוויס שטאַרקער פאַר אַ מיושב׳ן אָהן אַ רעוואָלווער. אַלזאָ, זיי וויסען, מיר שפּילען אויפ׳ן לעבען: ווער עס געווינט די פּאַרטיע גיט דעם פערשפּילער א קויל אין קאָפּ אַריין., דערווייל האָב איך דעם רעוואָלווער, טאָמער גיסטו מיר מאַט גיב איך דעם רעוואָלווער דיר אין האַנד אַריין, און דו נעהמסט דיר דיין געווינס, דאָס זעלבע וועט אָבער זיין אויך פערקעהרט...

אַ שוידער איז מיר אריבער איבער׳ן לייב. כ׳האָב געזעהען זיין קאַלטע ענטשלאָסענקייט מיט׳ן משוגענעם פייער׳ל אין די אויגען. כ׳האָב נאָך פרובירט טענהן מיט איהם, אָבער ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ ביין סאַרקאַסטיש שמייכעלע:

— אפשר ווילסטו איבערצייגען אַ משוגענעם.

נו, כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, האָב איך געשפּילט פיל שטאַרקער פאַר איהם און כ׳האָב געקענט רעכענען אויף זיכער צו געווינען די פּאַרטיע; דאָך דאָס, וואָס איך געפין זיך אַליין אין אַ שטוב אַ פערשלאָסענער מיט אַ משוגענעם און דער

טעאַטער = מאַרטירער

(א בריף פון בוענאָס איירעס)
פון מאָריס שוואַרץ

די טרופּע פון טאַיראָווס טעאַטער פון רוסלאַנד, וואָס גאַסטראָלירט איצט אין בוענאָס איירעס, בעשטעהט פון צוויי־און־פופציג מיטגלידער. אַלע זענען זיי געשולטע און פיינע קינסטלער, גרייט צו שפּילען טעאַטער אין יעדער פאָרם. זיי קענען זינגען, טאַנצען, שפּילען אין רעאַליסטישע דראַמע, קאָמישע אָפּערעס און לייכטע קאָמעדיעס, פאַרסען.

אַ סך פון די שוישפּילער האָבען נאָך געשפּילט אין רוסלאַנד אין די צייטען פון דער צאַרישער רע־גירונג. אַמאָל זענען זיי געווען „סטאַרס". מען האָט גוט געצאָהלט, און זיי זענען געווען פּאָפּו־לער. היינט זענען זיי אין דעם מאָסקווער „קאַמער טעאַטער" פאַר אַ קליינעם לוין. זיי זענען אַלע גוטע ביהנע־קינסטלער און כמעט אַלע זעהען אמת׳ע מאַרטירער ביים טעאַטער. אַ סך פון זיי פערדינען נישט גענוג אויף זייערע בעדערפנישען. איך האָב מיך פער־אינטערעסירט גענוי צו וויסען אונטער וועל־כע בעדינגונגען דער טאַיראָוו טעאַטער אַרבייט און עקזיסטירט. מיך אינטערעסירט בכלל צי זענען די שוישפּילער פון אַנדערע לענדער אין אַנ׳ערי־גערער מאַטעריעלער לאַגע ווי אונזערע אַמעריקאַנער יי־דישע און ענגלישע אַקטיאָרען.

ביי אונז ווערט דער אַקטיאָר געשאַצט, און ער שאַצט אַליין זיין גרויסקייט לויט ווי ער האַלט אויף דער טעאַטער־בערזע. מען ווייס ביי אונז, אַז דער בוף־קאָמיקער נעהמט אַזוי פיל, דער קאָ־מיקער „סטאַר" הייסט זיך געבען אַ סומע פון עטליכע ציפערען. די פּרימאַדאָנע, דער ליבהאָבער, יונגער און אַנדערע דאַרפען יאָהר איין און יאָהר אויס בעקומען דעם און דעם פּרייז. ווען נישט קאָן מען זיי נישט אַנגאַזשירען. עס האָט שוין אָפט געטראָפען, אַז אַ „סטאַר" שפּאַרט זיך איין און שפּילט נישט אַ סעזאָן, כדי אַנצוהאַלטען זיין פּרייז. פון די אַמעריקאַנער אַקטיאָרען איז דאָך אָפּגערעדט. ביי די אַמעריקאַנער נעמט איין „סטאַר" מעהר, ווי די גאַנצע טרופּע פון טאַיראָוו׳ס טע־אַטער.

נישט נאָר ביי טאַיראָוו׳ן, נאָר אויך אין מאַקס ריינהאַרט׳ס דייטשען טעאַטער און ביי סטאַניסלאַווסקי׳ן אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער און אין אַלע לענדער פערדינט דער גרעסטער קינסטלער נישט אַזוי פיל, וויפיל דער אַמעריקאַנער ענגלישער אָדער יודישער אַקטיאָר.

די לאַגע פון שוישפּילער איז אומעטום זעהר אַ שלעכטע, איבערהויפּט דאָ אין אַרגענטינע. זיי זענען איינפאַכע שקלאַפען. מען נוצט זיי פשוט אויס. אַ סך פון זיי שפּילען און פערציהען פאַר־שטעלונגען אַ וואָך, — פאַרנאַכט, ביטאָג, ווען נאָר דער דירעקטאָר בעפעהלט.

אָבער אין די ערנסטע אומשטענדען געפינען זיך די קינסטלער פון טאַיראָוו׳ס טרופּע. איך רוף זיי קינסטלער, ווייל זיי זענען זעהר בעגאַבטע אַק־טיאָרען. זיי פערמאָגען אַ פּראַכטפולע דיקציע, פיינע געזאַנגס־שטימען. זיי זענען פעהיג און געשולט פאַר גרים און בעוועגונגען. אַ מיטגליד פון כאָר קען אויך שפּילען אַ גרויסע כאַראַקטער־ראָלע אין אַ פּיעסע פון דעם ערנסטען אַמעריקאַנער דראַמאַ־טורג אָנעיל. און אַט די קינסטלער פערדינען כמעט אַלע צו זיבעציג דאָלאַר אַ חודש. מיט צוויי און אַ האַלב דאָלאַר אַ טאָג דאַרפען זיי אויסקומען און נאָך אָפּשפּאָרען עפּעס צו שיקען אַהיים קיין אַמעריקע.

„סטאַרס" (ווייל דער „סטאַר־סיסטעם" איז ביי טאַיראָוו׳ן גאַנץ שטאַרק ענטוויקעלט) פערדינען שוין עפּעס מעהר. די פערדינסטען זענען פון זי־בעציג ביז הונדערט און צוואַנציג דאָלאַר אויף אַמע־ריקאַנער געלד אַ מאָנאַט. אין רוסלאַנד קריגען זיי די שכירות אין רובעל. די איינציגע, וואָס קריגען די גרויסע סומע, זענען טאַיראָוו און זיין פרוי. מאַ־דאַם קאָאָנען. ביידע בעקומען אַרום זעקס הונדערט און פופציג דאָלאַר אַ חודש. אין אַמעריקאַנער יודישען טעאַטער פערדינט אַ מיטעלמעסיגער אַק־טיאָר מעהר, ווי די צוויי בעריהמטע אַקטיאָרען, טאַיראָוו און זיין פרוי.

טאַיראָוו בעקומט דעם גרעסטען געהאַלט, ווייל ער איז דער דירעקטאָר, הויפּט־רעזשיסאָר און רעפּרעזענטירט די טרופּע. ער מוז האַלטען אויך אַ שענעם האָטעל צוליב דעם כבוד פון דער טרופּע. ער דאַרף זיין פרוי מיט׳ן דאָלאַר, איינגעהמען געסט, צייטונגס־פאַרשטעהער און אַ. אַ. וו. זיין פרוי בעקומט אַ גרויסע סומע, ווייל זי איז דער האַמאַם־שט־„סטאַר" פון דער טרופּע. זי געהט נישט אין כאָר און איז נישט קיין סטאַטיסטין, ווי אַנדערע, ווייל עס פּאַסט נישט. זי איז דעם דירעקטאָר׳ס פרוי. אויך די עטליכע הויפּט־שוישפּילער, די „סטאַרס", ווי לעאָ פעניק, רומניעף, אַרקאַדין און אַנדערע שפּילען נאָר גרויסע ראָלען. זיי זענען אויך די איינ־ציגע, וועלכע האָבען אַ מעגליכקייט זיך צו בוקען פאַר׳ן עולם נאָך יעדען אַקט. ווען מען פערענדיגט אַנ׳אַקט, קומען אַרויס דריי אָדער פינף הויפּט־שוישפּילער און בוקען זיך צוזאַמען מיט טאַיראָוו׳ן. די איבעריגע הערען בלויז די אַפּלאָדיסמענטען.

איך האָב זיך בעגעגענט מיט עטליכע פון די „סטאַרס" און אויך מיט איינינע פון די קלענערע שוישפּילער. כאָטש לויט מיין מיינונג זענען די גרע־סטע, נישטאָ קיין קלענערע. אַלע זענען גוט און ווע־נען קינסטלער.

לעאָ פעניק איז איינער פון די הויפּט־שוישפּי־לער. ער איז אַ מאַן פון 54 יאָהר און זינגט און טאַנצט, ווי אַ יונגעל פון זעכצעהן יאָהר. מאַכט אַקראָבאַטישע קונצען און שפּילט פּראַכטפול די ראָלע פון פאַרמער אין אָניעל׳ס דראַמע „ליבע אונטער די בוימער". ווען אַזאַ שוישפּילער זאָל שפּילען אויף ענגליש, וואָלט ער זיכער בעקומען טויזענד דאָלאַר אַ וואָך. ער מאַכט אַ וואונדערבאַרען איינדרוק. ער איז אַנ׳אינטעליגענטער, איידעלער מענש.

— ווי אַזוי קענט איהר זיך אַזוי פּלאָגען? — פרעג איך איהם. — איהר פערדינט דאָך נישט גענוג צו קענען פערגינען זיך צו עסען אַ גוטען מיטאָג?

פערטראַכט ער זיך און ענטפערט:

— און וואָס האָבען די אַמעריקאַנער אַקטיאָ־רען, ווען זיי טראָגען פוטערנע מאַנטלען און פער־מאָגען פעטע באַנק־ביכלעך? זענען זיי גליקליך, ווען זיי רען נישט בערושטאַנע געשעפטסלייט, וואָס אַרבייטען ביים טעאַטער? מיר זענען גליקליך ביים טעאַטער. פאַר אונז עקזיסטירט גאַרנישט מעהר ווי טעאַטער. נאַטירליך, עס איז איצט שווער. אָבער ווען רוסלאַנד וועט ווערען מעהר בעפעסטיגט, וועט דער שוישפּילער זיין דער ערשטער צו קענען האָבען אַלע בעקוועמליכקייטען.

איך האָב בעוואונדערט זייער ענטוזיאַזם, זייער פרייד פאַר טעאַטער. עס איז פאַר זיי נישט קיין מלאכה, צו קענען זיך עקאָנאָמיש פערזיכערען. פאַר זיי איז דאָס אַנ׳אינערליכער נשמה־דראַנג, אַ שטרע־בונג צו קענען שאַפען, זיך פערטיפען, זיך אויפ־הייבען העכער איבער דעם גרויען אַלטעגליכען לע־בען און בעשאַפען אַ יום־טוב׳דיג לעבען, אַנ׳אויס־געטראַכטע וועלט און דורך דעם איינגעמען יום־טוב אַנצינדען און אויפוועקען די האַרטע פער־טעמפּטע געפיהלען ביים עולם אין טעאַטער. און ווען אַ קינסטלער זוכט אַריינצוברענגען דעם יום־טוב אין טעאַטער איז אַ סימן, אַז ער פערמאָגט אין זיך דעם פונק פון אַ פּריסטער, וואָס האָט גע־טובל׳ט זיין נשמה ערב עבודת התפילה.

סטאַניסלאַווסקי׳ס רוסישע קינסטלער און אויך איינינע פון טאַיראָוו׳ס טרופּע פערמאָגען יאָ זיך אַט דעם געפיהל פאַר טעאַטער. איך האָב זיך בעגעגענט מיט פראַנצויזישע שוישפּילער, דייטשע, שפּאַנישע, און זיי האָבען מיך נישט אָנגעצינדען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, ווי די רוסישע אַקטיאָרען.

ווען סטאַניסלאַווסקי׳ס רוסישע טרופּע איז גע־ווען אין אַמעריקע, האָבען מאָסקווין און סאָמשאַלאָוו פערדינט ערער צו הונדערט און צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך. די אַנדערע האָבען פערדינט עפּעס ווענינער. ביי אונזער יודישען טעאַטער און אויך ביים ענגלישען איז דער אונבעוואוסטער נעמען אַ כשונגע׳נער.

דערפאַר קען קיין שלום אין אַ טרופּע נישט זיין, און קיין ממשות׳דיגע טעאַטער־אַרבייט קען נישט אויפגעטאָן ווערען. אַמעריקע האָט לעצטענס היבש רואינירט און פערדאָרבען דעם קינסטלערישען צושטאַנד פון אַלע לענדער. אין דייטשלאַנד געפינען זיך איצט העכער פינף טויזענד אַקטיאָרען, וואָס פערדינען קוים, קוים דורכצושלעפען דעם טאָג, און בלויז עטליכע געצעהלטע נעהמען אוועק דאָס גאַנ־צע געלד. דער „סטאַר־סיסטעם" פרעסט דך איין אין די ביינער און צופּוילט דעם פונדאַמענט פון טעאַטער.

מילא, פאַר די אַנדערע פעלקער וועלען זיי זיך אַליין זאָרגען. וואָס זאָלען מיר אָבער טון? אפילו דאָ אין בוענאָס איירעס הער איך פון שוישפּילער דאָס אַלטע פּאָפּולערע ווערטעל: „פאַרוואָס קומט איהם פינף הונדערט פעזאָס אַ חודש און מיר בלויז צוויי? זאָל מען מיר צאָהלען דעם פּרייז, וועל איך שפּילען בעסער פון איהם".

און ווען איינער אפילו זאָגט גאָרנישט און רוהנ׳ט זיך נישט, ווערט ער אויך אויפגענעסען פון איפערזוכט. ס׳טייטש, פאַרוואָס יענער?

איך זאָג נישט, אַז יודישע אַקטיאָרען פערדינען צופיל. אַ שוישפּילער טאָר נישט האָבען קיין דאגות פרנסה. ער דאַרף נישט לערנען זיין ראָלע טראַכ־טענדיג, וואָס לייהט מען ערגעץ דעם ווערט איבער־צוקומען. אָבער דער גאַנצער סיסטעם איז זעהר אַ שלעכטער. די עטליכע גרויסע ציפערען האַלטען צוריק דעם טעאַטער פון אַ געזונטער עקזיסטענץ.

דער אופן, ווי אַזוי דער „קאַמער־טעאַטער" פיהרט זיך, איז דער איינציגער לאָגישער וועג, וואָס קען אויסלייזען דעם טעאַטער פון צרות. די גאַנצע טרופּע איז אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע. יעדער קריגט אַ געהאַלט, אַנהויבענדיג פון דעם רעזשיסאָר ביז דעם מענשען, וואָס בויט די דעקאָראַציעס.

אַ קאָמיטעט, אויסגעקליבען פון די מיטגלידער פון דער טרופּע, פיהרט דעם טעאַטער. אויב נאָך דעם סעזאָן בלייבט פּראָפיט, ווערט דאָס געלד בענוצט פאַר נייע אויפפיהרונגען. און טאָמער נויטיגט זיך דער טעאַטער אין געלד אַנצוגעהן מיט דער אַרבייט, קריגען זיי אַנ׳הלואה פון דער רעגירונג.

פון בוענאָס איירעס וועלען זיי זעהר וועניג אוועקפיהרען, ווייל די שפּאַניער און איטאַליענער און אַרגענטינער בענוגענען זיך מיט קינאָס. די איילען זיך נישט אויסצוגעבען דריי פעזאָס (עפּעס מעהר ווי אַ דאָלאַר) צו זעהן מאָדערנע רוסישע טעאַטער־קונסט. בלייבט איבער דער יודישער עולם, אַז ער זאָל רעקען די רוינע אויסנאַמען צו ברענ־גען טרופּע אַהער.

דער עולם איז אָבער דערשלאָגען פון דער קריזיס און לאַנגער און דערצו שפּילען איצט צוויי יודישע טעאַטערס יעדען טאָג. און שאַליאַפּין, זאָל געזונט זיין, דאַרף אויך אוועקפיהרען זיינע פופציג טויזענד דאָלאַר (נישט פעזאָס). עס איז, ווי זאָגט דער שפּאַניער „מאַזי מאַל" — זעהר שלעכט.

דער אַרגענטינער דירעקטאָר, וואָס האָט גע־בראַכט טאַיראָוו׳ס קאַמער־טעאַטער, האָט געמאַכט גענוג מיליאָנען פון נאַרישען שונד. איצט מעג איהם גוט קאָסטען דער פיינער מאכל „מאָדערנע רוסישע קונסט". ביי יעדער פאָרשטעלונג זיצט ער אין דער פּאַלקע (לאָזשע, ער פערמאָגט זיין איינענע „פּאַלקאָ") און קוועלט און שעפּט נחת.

„מאַזי ביען! (זעהר גוט!) — שרייט ער אויפן קול. — שעהן, זעהר שעהן, זעהר גוט! איך בין דער חכם, און דער עולם איז אַ גולם!"

מערפרען לאַילאַ

[illegible]

פּליסעל פון שטוב ליגט ביי איהם אין טאַש און אין האַנד האָט ער אַ געלאַדענעם רעוואָלווער — דאָס האָט מיך געמאַכט בערוהיגט און אומרוהיג.

קורץ, ער איז געזעסען רוהיג און ערנסט, געווען פערטיפט אין דער פּאַרטיע, מיר האָט גע־שווינדעלט פאַר די אויגען, כ׳האָב זיך נישט גע־קענט צונויפנעהמען די געדאַנקען, כ׳האָב געמאַכט איין פעהלער נאָכ׳ן אַנדערען, כ׳בין איינפאַך אַרונ־טער מיט פיגורען אונטער זיינע און ער האָט זיי צוגענומען. נאָך אַ פופצעהן מינוטען שפּילען איז ער געבליבען מיט אַנ׳איבערגעוויכט פון דריי פי־גורען, ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען גיב איך אויף אַזאַ פּאַרטיע.

איך פּרובירט מיט איהם אַ רעד טון:

— נו, דו וועסט מיך טאַקע שיסען, — שמיי־כעל איך כלומרשט און איך פיהל ווי עס זעצט מיר אין קאָפּ.

— יאָ, — ענטפערט ער טרוקען און אין ערנסט אָנגעשטרענגט אין שאַך.

מיר לויפט מיין בלוט אין אַ ווילד געלויף, — כ׳מאַך אַ צוג און גיב איהם גלייך מיין קעניגין, ער נעהמט רוהיג אַראָפּ מיין קעניגין און זאָגט:

— נו, איצט איז עס שוין זיכער, אַז דו האָסט פערשפּילט, ווי אַזוי ווילסטו וועלען, אַז איך זאָל דיך שיסען: מיט פערבונדענע אויגען, צי מיט אָ־פענע אויגען?

איך פיהל, ווי אָט־אָט פאַל איך חלשות, איך הייב שוין אָן צו וואַרפען פערצווייפעלטע בליקען צו דער טיר, צום פענסטער, צום סופיט, אויף זיין האַנד מיט׳ן רעוואָלווער, ער בעמערקט עס אָבער און זאָגט מיר:

— פאַר׳ן קלענסטען פּרוב נישט צו וועלען זיין קיין עהרען־מאַן שיס איך באַלד און כ׳וועל זיך נישט בעמיהען דיך צו מאַכען אַ גרינגען טויט... בעסער קוק נישט אין ערגיץ, נאָר אויף דעם שאַך־ברעט, אפשר וועסטו נאָך געווינען.

איך האָב באמת אויפגעגעבן יעדע האָפנונג, און בעשלאָסען צו פּערציהען, אַ גאַנג ווי לאַנג סיוועט זיך נאָר לאָזען, אין אנהויב איז ער געווען געדולדיג, אָבער אַז איך האָב געקלערט אַ האַלבע שעה און מער אויף אַ גאַנג האָט ער אַנגע־הויבען צו פּראָטעסטירען, שפּעטער איז עס אַזוי געוואָרען, אַז איך האָב געהאַט נאָר צו איינציגע געגג און ער האָט עס מיר אַנגעוויזען:

— די טראַכסט אומזיסט, האָסט נאָר איין גאַנג, געה איך דאָ, געהסטו דאָ, געה איך דאָ, געהסטו דאָ, גיב איך שאַך און מאַט.

איך זעה, אַז ער איז גערעכט, עס איז נישטאָ וואָס צו קלערען, גלאַט איהם אָפּשלעפּען האָב איך מורא, ער פערלירט די געדולד, ער סטראַשעט און די האַנד מיט׳ן רעוואָלווער האָט ער אויסגעשטעלט גלייך צו מיר...

— וואָס וואָלט איהר געטון, מיינע פריינד? אַז כ׳בין נישט געשאָסען געוואָרען זעהט איהר דאָך, וואָרים אַט דערצעהל איך דאָך איצט די גע־שיכטע, אָבער שטעלט אייך פאַר דעם מאָמענט און געפינט אויס, ווי אַזוי האָט מען זיך געדאַרפט ראַטעווען ט׳לעבען?

עס האָבען זיך געהערט פערשידענע ענטפערס:

— מען וואַרפט זיך אויף איהם האַסטיג, מען רייסט אַרויס דעם רעוואָלווער.

— אַ שפּרונג צום פענסטער, אויסגעהאַקט אַ שויב און אַרויס.

— דאָס וואָלט אַלץ נישט געהאָלפען, — זאָגט פלוגמאַן, — איידער איך וואָלט זיך אַ ריהר גע־טון וואָלט איך שוין ליגען אַ טויטער. עס איז גע־ווען איין אויסוועג און דעם האָב איך געפונען... כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך בעזע־הען ליגען אַ באָדענדיגען אין שווייס...

אַלע צוהערערס האָבען לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי בעפרייט געוואָרען פון אַ שווערען קאָשמאַר.

טראַגישער סוף פון אַ העלד

דער שוועדישער לופט־פליהער נילסען, וועלכער איז בעריהמט געוואָרען ביים ראַטעווען די עקספּע־דיציע פון גען. נאָבילע, איז איצט אומגעקומען אין אַ אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע

הומאָר — דער קונדס — סאַטירע

צוזאַמענגעשטעלט דורך א. שאַרפצינגעל

אַ קליגער שילער

לעהרער: נו ווער פון אייך ווייס וועלכע צייט פון יאָהר געהט די קוה ווייניגער מילך?
שילער: איך ווייס.
לעהרער: נו זאָג נוען?
שילער: אין חודש לוטי,
לעהרער: פאַרוואָס?
שילער: ווייל דער חודש האָט נאָר 28 טעג.

י. גאָרדאָן.

אַ מנין וויצען.

אַ גוטער חשבון.

יונה: — דו ביזט, אַלזאָ, פערהייראַט! נו, ביזטו גליקליך?
שלמה: — יאָ!
יונה: — קאָן דיין ווייב גוט קאָכען? —
שלמה: — ניין!
יונה: — קען זי גוט ראַמען אין הויז?
שלמה: — ניין!
יונה: — טאָ וואָס קען זי?
שלמה: — שעהן זינגען!
יונה: — זינגען? נו, האָסטו דאָך געקענט קריגען אַ קאַנאַריקעל פאַר פיל ביליגער!

אַ גערעכטע טענה

ער: — פעני, טייערע, ווע... מיין ווייב!
זי: — איהר זייט צו אַלט פאַר מיר, אָבער איך וועל זיך די זאַך איבערלעגען ביז מאָרגען!
ער: — מאָרגען וועל איך דאָך זיין נאָך עלטער!

גוטער ענטפער

— מען זאָגט, אַז בעני האָט מיט דיר געהייראַט צוליב דיין געלד, כדי ער זאָל קענען בעצאָהלען אַ גרויסער ליגען! בעני רעכענט גאָרנישט זיינע חובות.

ביים דאָקטאָר

דאָקטאָר: — וואָס אַנבעלאַנגט אייער האַרץ דאַרפט איהר זיך נישט זאָרגען! מיט אַזאַ האַרץ קענט איהר אַלט ווערען זיבעציג יאָהר.
פאַציענט: — איך בין שוין זיבעציג!
דאָקטאָר: — נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט?!

לידער

מיינסט, מאַקע
פון אָהן דיר,
מיין ליבע
פרינצעסין,
קאָן איך
נישט רוהען,
נישט טרינקען,
נישט עסען,
נישט טראַכטען,
נישט טרוימען,
נישט שפּילען,
נישט שלאָפען?
אויב דו
מיינסט אַזוי,
האָסטו, לידער,
מיינסט, מאַקע,
געטראָפען.

לאחר המעשה

אַ נאָך־יום־כיפור־פזמון.

אָפּגעקלאַפּט זיך שוין אין האַרצען,
דעם יום־כפור אָפּגעפאַסט,
וועט מען ווייטער דרעהען ס׳רעדעל
מיט דעם פריהערדיגען האַסט.

אַז „געשריבען“ און „געחתמ׳עט“,
אַז ס׳איז אַלץ שוין אָפּגעמאַכט
קאָן מען זיכער דאָך שוין לעבען
נישט־געדאגה׳ט טאָג־און־נאַכט...

מ׳קען שוין זינדיגען אַ ביסעל,
בהדרגה — מאכענ׳ס שפּאַר...
כדי עס זאָל זיך זאַמלען „סחורה“
אויף דאָס קומענדיגע יאָהר!

אַז די אַלטע זינד געפּטרי׳ט,
אַז נאָר פריי מען איז און פּריש,
קאָן מען ביי חטאים נייע
שמועסען עפּעס, פּראָווען טיש...

מ׳קאָן שוין ווייטער נעהמען קאָנטאָ,
מאַכע חובות אויפדאָסניי,
און מיט דעם המון נצרחים
שטעלען זיך אין לאַנגער רייה...

לאָמיר אָנהויבען ס׳קאַפּיטעל,
לאָמיר גיין, וואו כ׳... פיהרט...
לאָמיר האָפען: גאָט אין הימעל,
האָט דאָס וועקסעל פּראָלאָנגירט!

יאַקעל בן פלעקעל.

דער מאַרש צו די וואַהלען

אַ מתנגד

פון אַלטען האָלער ז״ל, ווערט דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער חכם און דערצו אַ שטאַרקער מתנגד.

ווען מען האָט איהם דערצעהלט פון אַ פרומען רבי, וואָס פאַסט משבת לשבת, האָט דער האָלער געזאָגט:

„ער איז אין בחינה א כלב שבכלבים“.

„אָבער רב, וואָס זאָגט איהר עפּעס?“

— „איהר הערט דאָך: שטעהט געשריבען, אַז ביי אַ כלב ליגט דאָס עסען דריי טאָג אין מאָגען, ביז ער פערדייעט עס, איז ער גאַנצע דריי טעג נישט הונגעריג“... איצט פערשטעהט איהר מיך, ווען יענער רבי, איז גאַנצע זעקס טעג נישט הונגעריג !...

אַ וויכטיגע פראַגע

דאָקטאָר: — איך וויל היינט צו אייך רעדען נישט אלס דאָקטאָר, נאָר אַלס מענש און פריינד!
פאַציענט: — וועט דאָס אויך מיך קאָסטען געלד?

אַ גוטע פראַגע

פרוי: — דיין בחור ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר עהנליך צו דיר!
מאַן: — וואָס האָט ער שוין ווידער אויפגעגעסען?

אַז ענטפער פון אַ פרוי

מאַן (אריינקומענדיג אין מיטען א געשפרעך פון פרויען): — ענטשולדיגט, איך האָב אייך געשטערט אַנ׳אינטערעסאַנטען געשפרעך!
פרוי: — ניין, מיר האָבען גראַד גערעדט פון אייך!

פון וואַנען זאָל ער וויסען

קלמן: — וואָרום האָלסטו אָפען דיין שירעם, עס רעגענט דאָך נישט?
זלמן: — פון וואַנען זאָל איך וויסען? — אַז איך שטעה אונטער׳ן שירעם.

געטראָפען!

קלמן: — וואָרום אונטערזוכט אַ דאָקטאָר ביי אַ קראַנקען צום ערשטען דאָס האַרץ?
זלמן: — ווייל ער וויל וויסען וואָס פאַר אַ האָנאָראַר דאָס האַרץ קאָן אויסהאַלטען...

קיינער קומט איהם נישט זעהן

פרוי (צו אַנ׳אַרעסטאַנט אין טורמע): — קומען אַמאָל צו אייך פריינד זעהען אייך?
אַרעסטאַנט: — קיינער קומט נישט. אַלע מיינע פריינד זענען דאָ.

—=[][][]=—

לאָמיר האָפען.

געבלאָזען שופר, געקלאַפּט אין טאַך,
אויפגעפעגט דאָס פרישע בלאַט
פונ׳ם נייעם יאָהר תרצ״א
און פערמאַכט דאָס בלאַט תר״ץ.
ס׳איז געווען, נישט דאָ געדאַכט,
נישט קיין יאָהר פון גרויסער פרייד,
ס׳מזל האָט פון אונז געלאַכט, —
אָרט נישט וואָס תר״ץ פערגעהט.
און תרצ״א? וואָס וועט תרצ״א
ברענגען אונז פאַר אַ געשאַנק?
זיץ, ר׳ יוד, און טרעף און שאַץ,
מאַטער אויס זיך דעם געדאַנק.
איינס איז אָבער איצטער קלאָר:
אַז אַוועק איז שוין תר״ץ
פטור פון אַ צרה־יאָהר,
ס׳ערגסטע וואָס ס׳האָט איך געהאַט.
און תרצ״א — נו, הלואי
זאָל עס אַלדאָס גוטס
לאָמיר האָפען סיי־ווי־סיי,
ווייל ,ס׳ברענגט צווייפעל נישט קיין ברייט וויטאַמין.

מיט דריי אויגען

יונגערמאַן: — קען איך מיט אייך אונטער דריי אויגען רעדען?
פאָטער: — ווי אַזוי עפּעס אונטער דריי אויגען?
יונגערמאַן: — ווייל איין אויג האָב איך שוין אויף אייער טאָכטער געוואָרפען.

גלייכווערטלעך.

ציוויליזאַציע איז א וואונדערבאַרע זאַך, ווייניגסטענס זענען מיר אלע ענטשלאָסען צו האָבען וועלט־פרידען, אַפילו ווען עס וועט אונז אויסקומען מלחמה צו האַלטען פאַר דעם.

נישט לאַנג צוריק ביי א חתונה־צערעמאָניע האָט זיך אַ קליין יונגעלע שטאַרק צוויינט. מען האָט איהם איינגעשטילט, זאָגט מען, מיט דער פערזיכערונג, אַז חתונה האָבען איז נישט קיין אומפערמיידליכע זאַך.

—=[][][]=—

די מאָדערנע פרוי זאָגט א שרייבער, דאַרף האָבען מעהר ווי איין קאָפּ אויף איהרע פלייצעס, געוועהנליך גיט זי שוין אַכטונג, אַז זי זאָל האָבען אַ נייעם הוט פאַר יעדען קאָפּ.

אַ מערקווירדיגער הונט

ביים סוחר יערמאַלאַי באַבקינאַוו האָט מען צו־בעגנב׳עט דעם פעלץ.

דער סוחר יערמאַלאַי באַבקינאַוו האָט שטאַרק געיאָמערט. ער האָט אַפילו געטרויערט נאָך זיין פעלץ.

„אַ פעלץ“, האָט ער געזאָגט — „איז אַזוי וואַרעם. זאָל עס מיר קאָסטען וויפיל עס איז, אָבער איך מוז דעם גנב געפינען. איך גיב איהם (?) מאָרדע צושלאָגען“.

און יערמאַלאַי באַבקינאַוו האָט געבראַכט אַ פאָליציי־הונט. דער הונט איז געווען אַ טונקעל־ברוי־נער, מיט אַ פעסטען, אויסגעפּאַטישען שנוטץ. מיט איהם צוזאַמען איז אָנגעקומען אַ מענש אין אַ פאָליציי־לעריבע.

דער מענש האָט געגעבען דעם הונט אַ שטויס, אַז ער זאָל נעבען דער טיר שמעקען, האָט געזאָגט „פּס“ און איז אָפּגעטראָטען. דער הונט האָט אַרויס געשטעקט זיין נאָז אין דער לופט, האָט אַ פאַר מאָל אַ שמעק געטון, און האָט זיינע אויגען געווענ־דעט אויף דעם מענשען־רעדעל — אין דער צוויי־שענצייט האָבען זיך זעלבסטפערשטענדליך אָנגעזאַ־מעלט אַ סך מענשען — און פּלוצים האָט ער זיך אַ לאָז געטון אויף דער אַלטער פיעקלא פון נומער פינף און האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קלייד.

די אַלטע האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון רעדעל און האָט זיך געלאָזט לויפען, אָבער דער הונט — נאָך איהר, די אַלטע האָט זיך אַ וואָרפגעטון אין אַ זייט. אָבער דער הונט האָט זיך באַבאַשלעפּט

נאָך איהר קלייד. דער הונט האָט זי אַזוי עפּעסט געהאַלטען, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט פון איהם בעפרייען. די אַלטע איז דאַן געפאַלען פאַר דעם פּאָ־ליציי־אַגענט אויף די קניע.

„יאָ“, האָט זי געזאָגט, „איך בין שולדיג. איך לייקען קיין זאַך נישט. פינף גאַלאָן שנאַפּס. איך בין זיך אין אַלץ מודה. אויך דער אַפּאַראַט. אַזוי איז עס, אַלץ“, זאָגט זי, „געפינט זיך (?) באַד־צימער, פיהרט מיך צו דער פּאָליציי“.

אַלע איבעריגע, פערשטעהט זיך, האָבען אָפּ־געאָטעמט.

„און דער פעלץ“? פרעגט מען זי.

„פון דעם פעלץ“, זאָגט זי, „ווייס איך גאָר נישט. איך האָב אַפילו קיין אַהנונג נישט. אויף דאָס איבעריגע בין איך זיך מודה. פיהרט מיך צו דער פּאָליציי. בעשטראָפט מיך“.

נו, האָט מען די אַלטע אַוועקגעפיהרט אין דער פּאָליציי.

דער אַגענט האָט ווידער אָנגענומען דעם הונט, האָט זיין נאָז געווענדעט צום באָדען, האָט געזאָגט „פּס“ און איז ווידער אָפּגעטראָטען. דער הונט האָט אַ דרעהע געטון מיט די אויגען, האָט אַ שמעק גע־טון די ליידיגע לופט און פּלוצים האָט ער זיך ווי־ער אַ וואָרפגעטון אויף איינעם פון די פערבייאיגע — דאָסמאָל אויף דעם פערוואַלטער פון דעם האָטעל.

דער פערוואַלטער איז בלייך געוואָרען און איז געפאַלען אויפ׳ן רוקען.

„בעסער מענשען“, האָט ער געזאָגט — „ביינאַ... מיך. איך האָב געלד פאַר וואַסער איינקאַסירט און איך האָב עס פערשוועגדעט“.

נו, עס פערשטעהט זיך, אַז אַלע אָנוועזענדע האָבען דעם פערוואַלטער געגלויבט און מען האָט איהם אָפּגעפיהרט.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט דער הונט זיך דערנעהנטערט צום בירגער פון נומער זיבען און האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי ד יהויזען.

דער בירגער איז בלייך געוואָרען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניע.

„איך בין שולדיג“, האָט ער געזאָגט, „שולדיג, איך בין זיך מודה“. האָט ער געזאָגט. „אַז איך בין געווען אַ פּוילענצער און איך בין אין דער אַרמיי נישט געגאַנגען, ווען מיין פאָטערלאַנד האָט זיך גענויטיגט אין שוץ. אין דער זעלבער צייט האָב האָב איך געוואוינט אין נומער זיבען און האָב גע־ברויכט די עלעקטריציטעט, וואָס בעלאַנגט צום שטאָט. אַרעסטירט מיך“!

די אָנוועזענדע זענען אַריינגעפאַלען אין אַ פערלעגענהייט, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין הונט?— האָבען זיי געטראַכט. דער סוחר יערמאַלאַי באַבקינאַוו האָט אַ בליק געטון מיט די אויגען, האָט אַרויסגענומען געלד פון קעשענע און האָט עס דערלאַנגט דעם אַגענט.

„געה מיט דיין הונט אין דער ערד אַריין“. האָט ער אויסגעשריגען — „דער פעלץ, פון מיינעט וועגען, זאָל גיין צום טייוועל. אַפּ פּיף אויף איהם“!

אָבער דער הונט איז שוין דאָ. ער שטעהט פאַר׳ן סוחר און דרעהט מיט׳ן ווידעל. דער סוחר ... אָפּגעטראָטען ... אַ זייט, אָבער דער הונט

נאָך איהם. ער האָט געשמעקט זיינע קאַלאָשען. דער סוחר האָט נישט אויסגעהאַלטען און איז בלאַס געוואָרען.

„נו“, האָט ער געזאָגט, — „גאָט זעהט דעם אמת, עס העלפט נישט. איך בין אַ שופט און אַ לומפּ. דער פעלץ געהערט נישט צו מיר. דעם פעלץ האָב איך ביי מיין ברודער גע׳גנב׳עט“.

די אָנוועזענדע האָבען זיך געלאָזט לויפען. דער הונט האָט שוין קיין צייט נישט געהאַט די לופט צו שמעקען, אָבער ער האָט געכאַפּט אַ צוויי־דריי מענשען, וואָס זענען איהם געקומען אין וועג. זיי האָבען זיך גלייך מודה געווען. איינער האָט רעגירונגס־געלד פערשפּילט אין קאָרטען, אַ צווייטער האָט זיין ווייב דער׳הרג׳עט מיט אַ שטאַנג־אייזען און אַ דריטער האָט עפּעס געזאָגט, וואָס מען קאָן אַפילו נישט נאָכזאָגען.

די לייט זענען זיך צולאָפען. דער הויף איז געבליבען ליידיג. נאָר דער אַגענט מיט׳ן הונט זענען געבליבען.

דאַן האָט זיך דער הונט פּלוצים דערנעהנטערט צום אַגענט און האָט אָנגעהויבען דרעהען מיט׳ן ווידעל. דער אַגענט איז געוואָרען בלאַס און איז געפאַלען פאַר׳ן הונט אויף ד יקניע.

„ביי מיר, בירגער“, האָט ער געזאָגט — „איך האָב דריי רובעל דערהאַלטען פאַר דיין דער־נעהרונג און צוויי האָב איך אַראָפּגעלאָזט פאַר מיר“.

וואָס ווייטער איז געווען ווייס איך נישט. איך האָב אויך געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און געמאַכט פּליטה.

די טראַגעדיע פון האַנס הערצל

פון דר. ר. טוואַרדאָווסקי

מיר זענען געזעסן אין וויענער קאַפעהויז „אַר־קאַרען“ אויף דער אוניווערזיטעט־שטראַסע — פער סיפט אין צייטונגס־לעזען און ווי פון הימעל אַראָפּ־געפאַלען איז אַריינגעקומען ערגיץ עמיצער און האָט געזאָגט:

„האַנס הערצל האָט זיך געשמד'ט(.

וואָלט אַ דונער אין דער מינוט דורכגעצויגן דאָס דאָזיגע קאַפעהויז און אָפּגעשלאָגן זיך דאָ אין דעם ווינקעל וואו די יודישע ליטעראַטור ויצט אָנגעקנועצט ביי די טישן, ער וואָלט ווייניקער נישט מעהר די הערצער פערשטאַרט ווי אין דער מינוט ווען די ווערטער:

„האַנס הערצל האָט זיך גע'שמד'ט(“ זענען אַזוי פּלוצימדיג אַרויסגעזאָגט געוואָרען.

און לאָמיר זיך היינט נישט שעהמען אויסצו־זאָגען.

מיר האָבען געזוכט היסטאָרישע פערטוישונגס־מיטלען, כדי דער נישט ציוניסטישער זאָלט צו דערצעהלען און איינצורערען, אַז „גאָרנישט איז גע־שעהען“, אַז „מיר זענען נישט דערשיטערט“. מיר האָבען זיך געטרייסט מיט היסטאָרישע פּלאַסטער און אָנגעוויזען, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין נייע דער־שיינונג אין דער היסטאָריע. מיר האָבען בעוויזען, אַז די זיהן פון דעם גרויסען פיהרער משה זענען אָפּטריניג געוואָרען צו דער מוטער צפורה.

מיר האָבען זיך געטרייסט דעריבער, וואָס די זיהן פון דעם גרויסען פיהרער יהושע בן נון, ווע־נען פרעמד געווען פאַר זייער פאָטער און פאַר דער היסטאָריע.

אָבער לאָמיר זיך היינט נישט שעהמען אויס־צוזאָגען, אַז די טויט פון האַנס הערצל האָט אונז וועה געטון, זי האָט געשלאָגען וואונדען אין אַ יע־דען יודישען האַרץ.

— — — — — — — — — —

עס איז אַמאָל געקומען די „בשורה“, אַז האַנס הערצל איז צוריקגעקעהרט צום יודענטום.

אויך דאָס מאָל האָבען מיר פערביסען מיט די ליפּען ווי יענער פּאַציענט בשעת דער אָפּעראַציע ווען דער דאָקטאָר שניידט זיין פלייש מיט אַ שאַר־פען מעסער און זאָגט איהם אָן: „דו טאָרסט נישט שרייען. יעדער אויסגעשריי ברענגט די סכנה“.

מיר האָבען זיך מיט דעם צוריקקעהר — אויב עס איז איבערהויפּט געווען אַ צוריקקעהר — נישט געפרעהט, נישט אויסגעבלאָזען מיט שופרות און הצוצרות בחוצות ובשוקים — און מיר האָבען גע־מוזט דער וועלט איינרערען:

„אַזוי ווי אונז האָט נישט דערשיטערט זיין שמד, אַזוי זענען מיר נישט דערפרייט מיט זיין צוריקקעהר“.

אויך דאָס איז געווען — אַזוינאַנטי — א כסות עינים פאַר יענע, פאַר די געגנער פון ציו־

ניזם. וואָרען אַ שטיקעל טרייסט, כאָטש נישט קיין זעהר שעהנע, איז עס פאַר אונז דאָך געווען.

— — — — — — — — — —

איצט קומט די טרויעריגע ידיעה, אַז האַנס הערצל האָט אויסגעפיהרט אַ זעלבסטמאָרד.

נאָך וויסען מיר נישט די גענויע סבות פון דעם געשעהעניש און זיינע טעמים. אין דער ערש־טער מינוט נעמט מען אָן, אַז דאָס איז געשעהען אין דער רעפּרעסיע פון דעם אָפּשטאַרבען פון זיין שוועסטער פּאַאולינאַ, די עלטסטע טאָכטער פון דר. הערצל.

כי איז דאָס די סבה, וייסט מען נאָך נישט אויך גענוי. די טעמים ליגען נאָך נישט קלאָהר און בולט.

אָבער, אָהן צו זוכען די סבה און טעם, מוז ער קלערט ווערען:

— — — — — — — — — —

עס שטעלט זיך איצט אַרויס, אַז האַנס הערצל איז געווען אַ קאָמפּליצירטער, שוואַכער כאַראַק־טער, אַ פערוואָגעלטער כאַראַקטער, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט געדענקט זיין ציל און פונקט — און דער נערוועזער כאַראַקטער אין איהם האָט איהם פערפיהרט און איז זיין שטן אויף אַלע זיינע וועגען און שטעגען געווען. אַ יונגער מענש, וואָס האָט בעהערשט אַכט שפּראַכען און שרייבט און וואָרט און האָט עס צו גאָרנישט דערפיהרט ווייל זיינע נעראַנקען זענען געווען נערוועזע, דערשי־טערט, און האָבען זיך קיינמאָל נישט אויף איין פונקט אָפּגעשטעלט.

דאָס שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַ־מיליען־לעבען פון ד"ר הערצל.

דר. הערצל — האָט אין פאַמיליען־לעבען דורכגעמאַכט טראַגעדיעס.

די פרוי פון דר. הערצל, וואָס איז פון וואַר־צעל אויס הונדערט פּראָצענט אַסימילירט געווען, האָט קיינמאָל דעם תור. הערצל נישט פערשטאַנען און נישט געפרובט איהם פערשטעהן.

די זעלבע פרוי דר. הערצל, וואָס איז געוואוינט געווען צו זיין זייער נעזעלשאַפט פון פראַנצויזישע מיניסטאָרען און מיניסטער־פרויען, האָט דאָס גאָר־נישט געקאָנט בעגרייפען ווי איהר מאַן, דער פער־ליעטאָנען־רעדאַקטאָר פון דעם וועלט־בלאַט „נייע פרייע פרעסע“ און שפּעטער פּאָליטישער קאָרעס־פּאָנדענט פון פּאַריז פאַר דער „נייע פרייע פרעסע“ האָט זיך אָנגעהויבען אָפּגעבען מיט אַזוינע „נאַר־רישקייטען און קליינקייטען פון יודען און יודענ־שטאַאַט“.

דאָ איז זי איהם געווען אַ עזר כנגדו. תמיד געגען איהם און געגען זיינע יודישע אַנשויאונגען.

אויף דעם געביט איז זי געווען קאָנסעקווענט. זי האָט זיך בעמיהט איהרע קינדער — טעכטער — צו דערציהען אין איהר גייסט און האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט זיי צום גייסט פון זייער גרויסען פאָטער.

אַלע בעמיהונגען פון דר. הערצל די קינדער אין זיין גייסט צו דערציהען, זענען געווען אומ־זיסט. דאָ האָט ער אָנגעטראָפען אויף דעם האַרט־סטען ווילען פון זיין פרוי.

צוליב בלויזער ליבע צו זייער גרויסען פאָטער האָבען זיינע טעכטער, פּאַאולינאַ און טרודע, איהם נאָר אָביסעל פערשטאַנען און איהם נאָר אָביסעלע נעקאָנט בעגרייפען.

אַנדערש האָט זיך הערצל געקלערט מיט זיין בן־יחיד האַנס.

אין די הערצלישע מעמואַרען וועהט מען מיט וויפיל ליבע און האַרץ ער רעדט פון זיין בן־יחיד האַנס. דאָס הייסע יודישע האַרץ קלאַפּט כסדר פאַר זיין איינציגען זוהן און ווי האָפנונג איז:

ווען האַנס וועט אויפוואַקסען, וועט ער אין גייסט פון זיין פאָטער, איבערנעהמען די פיהרונג איבער דעם יודישען פאָלק. ער וועט זיין אַ פיהרער און זין און גייסט פון זיין פאָטער.

— — — — — — — — — —

דרייצעהן יאָהר איז האַנס אַלט געווען ווען זיין גרויסער פאָטער איז געשטאָרבען.

ער האָט די גרויסקייט פון זיין פאָטער נאָך נישט פערשטאַנען און נאָך נישט געקאָנט פער־שטעהן.

האַנס — איז גאָרנישט גע'מלעט געוואָרן.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אויף דעם שטאַרב־בעט, ווען עס האָט געהייסען — און עס איז געווען דער הייסעסטער ווילען פון זיין פאָטער, — אַז אויף האַנס זאָל דורכגעפיהרט ווערען די „ריטועלע צער־רעמאָניע“ פון מילה — איז דר. הערצל אָפּגענאַרט געוואָרען און מען האָט איהם גאָרנישט מל געווען.

דאָס איז געווען די טאַט פון זיין פרוי.

— — — — — — — — — —

האַנס הערצל איז באַלד אַוועקגענומען געוואָרען קיין לאָנדאָן וואו ער איז געבראַכט געוואָרען אין אַ יודיש־רעליגיעזער לעהר־אינסטיטוציע און האָט אויך געלערנט פּראָפאַנע לימודים.

אַזוי לאַנג דער נאָכפאָלגער פון דר. הערצל פּרעזידענט וואָלפסאָהן האָט געלעבט, האָט ער גע־וואַכט איבער הערצל'ס הויזגעזינד, ווי אַ אָרלעג, וואָס בעשיצט די קינדער און זיינע פליגעל.

ער האָט פּאַאולינאַ און טרודע צוגעפיהרט שידוכים און זיי — אין פערהעלטניש — גוט החונה

געמאַכט.

אָבער האַנס האָט ער פסדר געוואָכט. אויך ער האָט געוואָלט האָבען אַז האַנס אַ יודיש־עצער פון זיין רבי, מייסטער און פיהרער דר. הערצל.

מיט דעם גלויט פון וואָלפזאָהן, זענען די קינ־דער פון דר. הערצל — איז ערשטער ריזה האַנס — געבליבען אָהן אַ פיהרער.

האַנס איז געבליבען שטעהן אין דער גרויסער וועלט. דאָס לעבען פון זיין פאָטער איז פאַר איהם נאָר ווי אין אַ חלום דורכגעלאָפען. נישט דערגרייכענדיג די בשורה פון זיין פאָטער צו ווער־רען אַ פיהרער פון יודענטום, איז ער פערפאַלען אין מעלאַנכאָליע. ער האָט קיין אָרט פאַר זיך נישט געפונען.

קאָמפּליצירט אין כאַראַקטער, נערוועזיש, גאָט־זוכעריש, איז ער פלוצים אַרויס פון דער יודישער און אַ פרעמדער קירך.

אָבער אויך דאָ האָט ער קיין בערוהיגונג פאַר זיין צעריטעלטער נשמה נישט געפונען.

אַ שוואַכע נאַטור, האָט ער אַזוי אָפּט ער־קלעהרט:

„איך בין נאָר פון יודענטום קיינמאָל נישט אַוועק, איך בין פערבליבען ביים נאַציאָנאַלען יו־דענטום.

זיין איינציגע ליבע האָט געהאָנגען אין זיינע שוועסטער: פּאַאולינאַ און טרודע.

די איינציגע, צו וועלכע ער איז געווען צוגע־בונדען מיט זיין גאַנצער נשמה.

דער ביטערער טויט האָט איהם די עלטעסטע שוועסטער אַוועקגעריסען פון לעבען. ער האָט איהם דאָס בעסטע אַוועקגענומען. דאָס איז פאַר האַנס געווען אַ קלאַפּ נישט מעהר צו איבערטראָגען.

ער האָט אויסגעפיהרט זעלבסטמאָרד.

דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם זוהן דר. הערצל.

פאַר דער יודישער היסטאָריע לעבט נאָך איין איינציג צווייגעל: דער יתר הפלטה פון דער פאַמי־ליע הערצל:

„טרודע“

די יונגסטע טאָכטער פון דר. הערצל וועל־כע ער האָט אַזוי פעראייבינט אין זיינע פעליע־טאָנען:

„טרודעס טרעהנע“.

אַליין איינציג שטעהט זי אין אונזער מיטען.

דער טראַגישער טויט פון האַנס הערצל טוט אונז אַזוי וועה, ווי זיין טראַגיש לעבען.

און צוזאַמען מיט דער נאָך איינציגער טאָכ־טער פון ד"ר הערצל, טרודע, בעוויינען מיר דעם טויט פון דעם אַזוי טראַגיש געלעבטען און טראַ־גיש פערשטאָרבענעם האַנס הערצל.

דאָס לעבען פון אַ יודישער אַקטריסע

XV.

אונזער אַרויסטריט אין נייעם גאַר־דין־רעפּערטואַר. — פּרץ לייענט פאַר אַ פּיעסע. — איך הייב אָן שפּילען ערשטע דראַמאַטישע ראָלען. — דער טריומף.—טורנעע איבער ליטע, פּוילען און רוסלאַנד.— צוריק קיין אַמעריקאַ.

אין מאַי 1907 איז יוליוס אָפּגעפאָהרען קיין וואַרשאַ. זעקס וואָכען שפּעטער, בין איך, טוין, אויף זיינער אַ טעלעגראַמע, אויך דאָרט געווען. מיר האָבען געשפּילט אין זשאָרדען ד'היוועך. די טרופּע איז געווען אונטער דער אָנפיהרונג פון קאַ־מינסקין. די בעלי־הבתים פון טעאַטער זענען גע־ווען עפּעלבערג, וועלכער איז שפּעטער עלענד גע־שטאָרבען אין ניו־יאָרק, און דר. ראָזענזאַל, דער געוועזענער מאַן פון פּאַאולאַ ר. (די שפּעטערדיגע פרוי פון נח פּרילוצקי).

בעת איך בין געקומען, האָט וואַרשאַ געקאָכט מיט יוליוסן. ווייל ער האָט צום ערשטען מאָל אויפ־געפיהרט זאָלאַטאַרעווסקי'ס „ישיבה בחור“ און גע־מאַכט אַ געוואַלדיגען דערפאָלג. איך בין אויפגע־טראַטען אין אַ קאָמעדיע־דראַמע „אַמעריקאַנער גליקען“, אין וועלכער איך האָב געשפּילט די „פרוי“... דאָס איז אַ יודישע „קין“־פּיעסע, דאָס הייסט, פון אַקטיאָרען־לעבען. דערנאָך בין איך אויפגעטראַטען אַלס „סאָפיא מייבלום“ אין ראַקאָוס „דער תלמיד חכם“ און דאַן אַלס „מאַמע“ אין „ליבינס געבראָכענע הערצער“, אין דער לעצטער פּיעסע האָב איך אייגענטליך געדאַרפט שפּילען די יונגערע ראָל „ניסעלע“, נאָר אַזוי ווי אסתר רחל קאַמינסקא איז דאָך אויך געווען אין דער טרופּע האָט מען, צוליב דרך ארץ, איהר געגעבען די יונגערע, גרעסערע ראָל און מיר די עלטערע, קלענערע ראָל.

די אַלע פּיעסען זענען געווען ניי פאַר אייראָפּע און סיי די פּיעסען, סיי אונזער שפּילען האָבען זעהר אויסגענומען. אַ בעזונדערען ערפאָלג האָט גע־האַט אונזער אויפפיהרונג פון גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ“ („עטיע“ — קאַמינסקאַ, „גרעגוואַר“ — יוליוס, „פרידלענדער“ — קאַמינסקי, „אפרים פיד־לער“ — ווייסמאַן, „זיין פרוי“ — יערמאַלינאַ, „חוה“ — באַרסקאַ־פישער, „די ניאַניע“ — סאָניאַ נדעלמאַן, „סאַמועל“ — קליין און „אַלבערט“ — אידאַ קאַמינסקאַ).

ווען ס'איז געקומען אויפצופיהרען די „זאָניגע

דערצעהלט פון דער בערימטער שוישפּילערין עמיליע אַדלער

געשריבען ספּעציעל פאַר'ן „נייעם פאָלקסבלאַט“ פון זלמן זילבערצווייג

פּיעסע איז פאָרגעקומען אַ בעראַטונג צווישען מיר און יוליוסן. אַז איך וויל דאָ נישט שפּילען די זעלבע ראָל וואָס אין אַמעריקע (די אַלטע „חוה“) איז געווען קלאָר, איך האָב, נאַטירליך, געוואָלט אויפטרעטען אין „עטי“. מיין מאַן האָט מיר אָבער אויפגעוויזען, אַז אסתר רחל וועט בשום אופן נישט זיין פּאַסיק פאַר דער יונגערער „צילע“ און ער האָט דעריבער מיר געגעבען די ראָל פון „צילע“.

דערפאַר ווען מיר האָבען אויפגעפיהרט „די שחיטה“ האָב איך שוין גאָרנישט געשפּילט ווייל „אַסתרקע“ האָט דאָך געמוזט שפּילען אסתר רחל, וועלכע איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער טרופּע, כאָטש זי איז שוין דאַמאָלס געווען צו אַלט פאַר דער ראָל. „ראַפּאַפּאָרט“ האָט געשפּילט יוליוס, „אלקנה“ — ווייסמאַן, „יאָסעלע“ — בראָד־דעסקאַ, „רב זיסעל“ — שפּירא, „בענטשיק“ — קליין, „די רביצין“ — יערמאַלינאַ־ווייסמאַן, „שיינע־העניע“ — עדעלמאַן.

ביי די אויפפיהרונגען פון „סאַפאָ“ און „דער אומבעקאַנטער“ האָב איך ווידער געמוזט איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען. צו דער ראָל „סאַפאָ“ האָב איך גלאַט נישט געהאַט קיין חשק. לויט מיינע דאַ־מאָלטיגע בעגריפען איז סאַפאָ געווען אַ צו פרייער מענש און אַזוי ווי איך האָב נישט מסכים ג'ווע'ן צו איהרע מיינונגען, האָב איך זיך נישט געקאָנט אריינלעבען אין דער דאָזיגער ראָל און האָב זי טאַקע אַ צייט לאַנג נישט געשפּילט. „סאַפאָ“ ד'אַט געשפּילט אסתר רחל. יוליוס האָט געשפּילט „אַפּאַ־לאָן“, „סטעמפּעל“ — קאַמינסקי, „זיין פרוי“ — באַרסקאַ־פישער, „באַריס“ — לאַנדוי, „סאַפּאָס מאַ־מע“ — יערמאַלינאַ און איך האָב געשפּילט אַפּאַלאָנס פרוי „סאַניטשקע“.

ווען מיר זענען צוגעטרעטען אויפפיהרען „דער אומבעקאַנטער“ האָט זיך קאַמינסקי נישט געקאָנט צוקלויבען קיין ראָל. אין דער פּיעסע זענען פער־האַן צוויי גרויסע מענער ראָלען. יוליוס איז גע־ווען געניגט צו שפּילען „לואי קראַשונסקי“. ער איז אָבער אויך גרייט געווען צו שפּילען די אַנדערע ראָל — „בערנאַרד“. אָבער וועלכע ראָל ער האָט מסכים געווען צו שפּילען, האָט קאַמינסקי געזאָגט, אַז ער וויל זי שפּילען. ער האָט געהאַלטען, אַז מסתמא איז דאָס די גרעסערע און בעסערע ראָל אויב יוליוס וויל זי שפּילען. קוים מיט צרות איז געבליבען, אַז יוליוס זאָל שפּילען „לואי קראַשונסקי“ און קאַמינסקי „בערנאַרד“. אסתר רחל האָט געשפּילט

„בערטאַ“, אַ ראָל, וואָס האָט איהר בעסער גע־פּאַסט ווי אַלע פריהערדיגע גאָרדין־ראָלען. איך האָב געשפּילט „אידאַ“, „הויז“ — ווייסמאַן, „זיין פרוי“ — יערמאַלינאַ און „אשכנזי“ האָט געשפּילט שפּירא.

דער שריפטשטעלער ספּעקטאָר, אַזוי ווי די אַנ־דערע יודישע שרייבער, וועלכע האָבען בעזוכט אונזערע פאָרשטעלונגען, האָט מיך פערוואָרפען מיט קאָמפּלימענטען:

— איהר זייט אַזוי זיס, אַזוי ווייך, אַזוי האַרציג, אזא ליבען טאָן. טאָ צו וואָס שפּילט איהר די פּאַס־קודסטוואַס, די בתולות ?? ! — האָט ער געטענהט.

ספּעקטאָר האָט דערמיט געמיינט אַזעלכע ראָ־לען ווי „צילע“, „אידאַ“, „מאַניטשקאַ“.

אויך נאָמבערג האָט זיך זעהר גוט אָפּגערופען וועגען מיין שפּילען. אין זייערע ביידענס רעצענזיעס וועגען אונזער שפּילען, בין איך תמיד דערמאָנט געוואָרען צום גוטען. פּרץ האָט זיך צו מיר אויך זעהר גוט פערהאַלטען און זיך ביי יעדער געלעגענ־הייט „געגרויסט“ וואָס ער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן.

— אַ פּנים, אַז אונזער גובערניע גיט אַרויס גוטע סחורה ! — פלעגט ער זיך אויסדריקען אין געזעלשאַפט ווען ס'איז געקומען צו רעדען וועגען אונזער לאַנדס־מאַנשאַפט.

ווען כ'רעד שוין וועגען פּרץ'ן דערמאָנען איך זיך צוויי עפּיזאָדען מיט איהם:

פּרץ פלעגט זעהר אָפט פערברענגען מיט אונז אַקטיאָרען. בעזונדערס פלעגט ער זיך פריינדלען מיט יוליוסן און מיר. ער, זיין פרוי, נאָמבערג און דינעזאָן פלעגען אָפט עסען מיט אונז. איינמאָל רופט זיך אָן פּרץ צו אונז, אַז ער פערבעט אונז אויף „שאדלא מלעקא“ (וויער־מילך), מיר זענען אוועק אין „באגאטעלא“, פּרץ האָט, ווי זיין שטייגער. ביים עסען דערצעהלט הומאָריסטישע מעשות, אָבער דעם שענסטען וויץ האָט ער געמאַכט נאָכ'ן עסען. שטענדיג ווען מיר האָבען פערבראַכט צו־זאַמען, פלעגען מיר צאָהלען. היינטיגעס מאָל אָבער ווייל ער האָט אונז פערבעטען, איז געווען קלאָר, אַז ער וועט צאָהלען. אָבער פּרץ האָט זיך גאָרנישט געשעמט או דערקלערט, אַז מיר וועלען מאַכען א „ניעמעצקע פונדא“ (אַ דייטשע הוליאַנקע), ד. ה., אַז יעדער וועט צאָהלען פאַר זיך...

אַ צווייטען עפּיזאָד געדענק איך ווי פּרץ האָט געלייענט פאַר אונז זיינע אַ פּיעסע. דער שוישפּיל

האָט זיך געדרעהט עפּעס אַרום אַ שוסטער (נישט זיין איינאַקטער „די שוועסטער“). דאָס לייענען איז פאָרגעקומען אויף דער בינע פון זשאַרדען ד'היוועך. פּרץ איז געזעסען אַזוי איינגעבויגען אין בוך, אַז מ'האָט מעהר נישט אַרויסגעזעהען ווי זיין קאָפּ און די וואָנסעס.

די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען געקוקט אויף אַלע שרייבער ווי אויף „יאָלדען“ און זענען געווען זיכער אַז זיי קאָנען נישט אָנשרייבען אַ „רעכטע“ פּיעסע, זענען געקומען צו דער פאָרלעזונג ווי צו אַ קאָמי־שער סצענע.

קאַמינסקי האָט דאָס געוואוסט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט בעפרייען פון פּרץ'ן, וועלכער האָט דורכאויס אונז געוואָלט פאָרלייענען זיין פּיעסע. קאַמינסקי האָט דעריבער אָנגעזאָגט די אַקטיאָרען, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען מיט אַלע כחות און זאָלען נישט אַרויסווייזען קיין חוזק.

די אַקטיאָרען זענען אַלזאָ געזעסען ביים טיש צירלעך־מאַנירלעך. עס איז געווען אַזוי ווי אַ וואולקאַן, וואָס אַט־אַט וועט ער אויסברעכען, איינער האָט מורא געהאַט אָנצוקוקען דעם אַנדערען, ווייל טאָמער לאַכט ער זיך פונאַנדער, וואָלט דאַמאָלס די באָמבע געפּלאַצט־

דעם עולם איז גאָרנישט געקראָכען אין קאָפּ אַריין וואָס פּרץ האָט געלייענט. ער אָבער האָט דאָס נישט געפיהלט. ער האָט יעדעס וואָרט שטאַרק בעטאָנט און אַקצענטירט ווי ער וואָלט עס געוואָלט אַריינקריגען אין אונזער מוח.

דער הויפּט־עפעקט פון זיין לייענען איז געווען דער סוף: ער האָט אָביסעל אַ רוק אוועקגעגעבען זיין העפט, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ גרויסע פויזע און אין עקסטאַז, מיט אַ לייבען־שטים, אַ געשריי געטון:

— שפּרינגע !

מיט'ן דאָזיגען וואָרט האָט זיך געענדיגט די פּיעסע. ד' יאַקטיאָרען זענען זיך שנעל צולאָפען ווי די מייז. ערשט ווען ז' ייזענען אַריין צו זיך אין די גאַרדעראָבעס, האָבען זיי זיך שרעקליך פונאַנדער־געלאַכט. קאַמינסקי מיט ווייסמאַנען האָבען פון גע־לעכטער שיער נישט געחלשט.

געבליבען מיט פּרץ'ן איז בלויז אסתר רחל, זי איז געבליבען כדי איהם צו פערדעדען דאָס אַנטלויפען פון די אַקטיאָרען.

אַ פּנים, פּרץ האָט עס אָבער דערפיהלט און מעהר האָט ער שוין פאַר אונז קיין פּיעסען נישט געלייענט.

(ווייטער קומט).

לכבוד יום-טוב

עמפפעהלט דער נעעהרטער קונדשאפט די ערשטע קוועלע פון די לעצטע און נייעסטע קאסמעטיק פון פאריז

די גוט-בעקאנטע פערפומעריע

J. DRUKIER
Zawadzka 5, tel. 175-92

וועלכע איז פערזעהן מיט דעם רייכסטען אויסוואהל טואלעט-זייפען, פודערן, פערפומען, קעלנישע בלומען-וואסערן א. אנד. אלעס צו נעמינע פאבריקס-פרייזען.

בעמערקונג: ווער עס בעזוכט מיין פערפומעריע, בלייבט אויף שטענדיג מיין קונדע. ∴ ∴ ∴ פאר אנגראסיסטען — בעדייטענדער ראבאט.

דער ערשטער משומד אין פוילען

היסטארישע נאטיץ

פון יום-טוב לעווינסקי

משומדים און מיטעלאלטער האבען קיינמאל נישט געפעהלט. די יודישע געשיכטע ווייס צו דער צעהלען וועגען זיי פ ל, אפטמאל שלעכטס און צייטענווייז אויך גוטס.

און פוילען, וואו פון דער יודישער איינוואנדערונג פערמאגען מיר שוין שפורען פון 8-טען און 9-טען יאהרהונדערט זענען אבער די משומדים נעווען א זעלטענהייט, כמעט נישט בנמצא. די סיבות זענען געווען קודם כל די נידעריגע פוילישע קולטור, דער נידעריגער צושטאנד פון די גייסטליכע און קלויסטערס און דער קליינער ארט, וואס פוילען האט פערנומען דאמאלסט און אייראפע. ביי וועלכע פערינגונגען האט זיך דעם יודען נישט געלוינט צו שמד'ן, און קיין דרוק מצד דער פוילישער גייסטליכקייט איז דאמאלסט אויך נישט געווען. אזוי גערינען מיר פיל יודען, וואס זענען געשטאנען נאהנט צו דער רעגירונג און עס האט נישט קיינעם גענויטערט זייער יודישקייט, פארקעהרט, און אז פינאנץ-וואכען איז נאך געווען פאר די פוילישע מלוכה־לייט א גליק און א כבוד צו האבען נעבען זיך יודען. עס געפינען זיך נאך ביז היינטיגען טאג די מטבעות פון פוילישען קעניג מיעשקא, וואס זענען געמאכט אדער געקלאפט געווארען דורך יודען און... העברעאיש, ווייל קיינער האט נישט געקענט און לאנד שרייבען אדער קריצען, אויף פויליש, און דעם מינץ-אלפאבעטישען קעניג איז עס געווען אלץ איינס, אבי נאר צו האבען איינענע מטבעות „עובר לסוחר“

דער פוילישער „הערארט“, דער אלטער היסטאריקער קארלוביעק ברענגט און זיין געשיכטע פון פוילען, געשריבען אויף לאטיין, אז פאר טויטען א יודען האט מען געראפט באצאהלען דעם זעלבען שטראף, ווי פאר א מאיעסטעם בעליידיגונג אדער נאטס־לעסטערונג. דעם שטראף האט מען גערופען „ספעטיאגינטא“.

פון די פאר געבראכטע ביישפילען קען מען זעהן, אז בעת די ערשטע יאהרהונדערטער פון דער יודישער וואנדערונג קיין פוילען, האט דא קיין אנטיסעמיטיזם נישט געהערשט און די יודען האבען דא געלעבט פערהעלטניסמעסיג גוט. פון קיין שמד האט מען און פוילען נישט געהערט.

ערשט און ענדע פון 14-טען יאהרהונדערט, געפינט מען און די אלטע פוילישע ארכיוען דעם ערשטען יודישען משומד.

און פוילען האט געלעבט א געוויסער יודיש-געלערנטער מיט'ן נאמען שלמה. ער האט אנגעשריבען א קאפיטאל ווערק אין לאטיין, אין וועלכען ער איבערזעצט און ערקלערט די נעראנקען פון א העברעאישען אסטראנאמישען ווערק א. נ. „קאמפוטוס יודאאיקוס“.

דער ראזינער געלערנטער שלמה איז געווען זעהר בעליבט און געשעצט אין דער וויסענשאפטליכער וועלט און פוילען. א אומבעקאנטער געלערנטער האט אוועקגעלייגט דעם כתב-יד פון יודען לזכרון (דאס געפינט זיך איצט אין דער יאגעלאנישער ביבליאטעק) און צוגעשריבען צום ווערק:

„Me pudet audirə,
‚Judeum talia scire!

(איך שעהם זיך צו הערען, אז א יוד זאל אזוי פיל וויסען...)

און דאך האט דער ראזינער פילזאפירענדער יוד שלמה זיך געשמדט, דעם 11-טען אויגוסט און יאהר 1397. און בעקומען דעם נאמען: יאן, און מיטען פון זיין ווערק, אויף דער זייט 38, געפינט זיך פאלגענדע נאטיץ און לאטיין: דער מחבר פון דעם ווערק „קאמפוטוס יודאאיקוס“ מיט דעם פירוש (קאמענטאריא) פון יאן, וועלכען מ'האט גערופען אלס יוד „שלמה“ און אלס פוילישער „יאן, האט אמאל געהערט צו דער יודישער נאציע. ער איז געווען א גרויסער קענער און א ליב צו דער הייליגער מוטער האט ער זיך געטויפט און איבערגעזעצט דאס בוך פון העברעאיש אין לאטיין.

עס איז שווער צו זאגען די סיבות, וואס האבען איהם געטריבען צום שמד.

עס זענען אבער דא השערות, אז די פלעמישע וועבער, פון גענט און ברינע, האבען געהאט א נאהענטען שייכות צו דעם.

און יענער צייט האט זיך שוין געפיהלט אין דער קריסטליכער קירכע די לופט פון די רעפארמאציע פארגענגער. עס איז געווען א פעראייניגונג צו די רעליגיעזע בעוועגונגען פון וויקליף (בריטאניע) און יאן הוס (טשעכיע), דאן האט זיך פערשפרייט די רעליגיעזע סעקטע די אזוי גערופענע „בערגהארדען“. די „בערגהארדען“ האבען געשטרעבט צוריקצוקעהרען צום ריינעם קריסטליכען מקור, וואס דערנענטערט זעהר פיל צו די יודען. די בערגהארדען סעקטע האט אבער געפינען ווייניג אנהענגער און דייטשלאנד, וואו זי איז געבוירען געווארען. דערפאר אבער איז זי געווארען שטארק אנגענומען און בעפעסטיגט דורך די פלעמישע וועבער. די פלעמישע וועבער האבען דעמאלט געהאט די ממשלה אין האנט און האבען אנגעפיהרט מיט גאנץ פלאנדעריע.

פון פלאנדעריע האט זיך דייטשלאנד אנגעשטעקט צוריק מיט דער סעקטע „בערגהארדען“ דורך די סוחרים, וואס פלעגען קומען און פעריהרונג מיט די וועבער. און צווישען די סוחרים איז געווען זעהר פיל פון ואחינו בני ישראל. און טאקע בעקאנט צו יענער צייט א בעדייטענדע משומדים - בעוועגונג און ברעסלוי, פיל יודישע יונגעלייט האט אימפאנירט די איינפאכקייט פון די „בערגהארדען“ און מיט זייער מקיים זיין און פוילען זיך פון ווארט דעם „ואהבת לרעך כמוך“ און און די ארכיוען פון ברעסלויער רייצעזיע פון יענער צייט געפינען מיר א גרויסע ליסטע פון משומדים.

און אונזער ערשטער משומד און פוילען שלמה — יאן, איז לויט דער השערה פון יודישע היסטאריקער אויך בעווירקט געווארען דורך די פלעמישע וועבער פון גענט, ברינע און איפער, דירעקט פאהרענדיג אליין דארט האנדלען, אדער אינדירעקט, דורך די סוחרים פון ברעסלוי.

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אויערען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען
9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 127-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין דעטשויצע ווערזשע 17 פון 10—11 און פון 2—5

Dr. J. Polakow

קינדער-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען אויף
פיעטריקאווער 109 צווישען שטאט פראנט טעל. 139-75.

1-טער קלאנג-פילם-קינא-טעאטער אין לאדז
„SPLENDID“ נארוטאוויטשא 20
היינט און פאלגענדע טעג! 2-טער קלו פון סעזאן!
ערשטע אייראפעאישע קלאנג אפערעטקע — פראד. „UFA“
„ליבעס-וואלץ“
עס נעמט אנטייל דאס אונפערגלייכליכע ליבעס-פארל:
LILJANA HARVEY
וועלכע וועט צום 1. מאל רעדען צו אונז פון עקראן
WILLI FRITSCH
ליבלינג פון פובליקום. — ווי אויך די בעקאנטע אפערעטען-קרעפטען
GEORGE ALEKSANDER, HANS JUNKERMAN
רייכע אויסשטאטונג! / שאמפאנער הומאר! / שלאגער-לידלעך! / צווישען אנדערע:
1) „ליבעס-וואלץ“ געזונגען דורך ליליאנע הארוועיאן און ווילי פריטש; 2) „דו ביזט דאס זיסעסטע מיידעל“ געזונגען פון פריטש און זשארזש אלעקסאנדער; 3) „באבי גאלאפ“ לעצטער אמעריקאנער שלאגער; 4) „פרעהליכער פאקסטראט“ געטאנצט דורכ'ן באלעט מיט
Liljan Harwey i Willi Fritsch
אויסערדעם: פוילישע לידער און דער אוים-פיהרונג פון ווארשאווער ליבלינג HANUSZA אנהויב אין נעה טעג 6, 8 און 10 אוונט. שבת און זונטאג 4, 6, 8, 10 אוו. פעסטארטע מאון הנחה-בילעטען אונגילטיג.
פרייזען פון די פלעצער אויפ'ן 1. סעאנס 1, 2, און 3 זל. אנהויב שבת און זונטאג 4 נאכמ.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה.
און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער.
קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
—— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונט. ——
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.
נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. —
וויזיט 3 זל.

די פערשאלטענע ירושה

גרויסער ראמאן פון ליידענשאפט ליבע און פערברעכען, (41

דער שאפער האט קונציג געפיהרט דעם אויטא. ער האט פולשטענדיג געריכט מיט די אלע פלנים פון פאהרען, זיך נישט איבעריג געאיילט, פארזיכטיג געקירעוועט ביי די ראגען, ווארום און זיינע פלענער איז עס לחלוטין נישט געווען אריינגערעכענט צו צוזאמענשטויסען זיך מיט פאליציי־הער פון דער מאכט.

מעריק האט זיך מורא'דיג געגליסט עפעס אונטערצונעהמען, א געשריי צו טון, ארויסשפרינגען פונ'ם אויטא אינמיטען לויף, אבער די האנד פונ'ם מנובל האט נישט ארויסגעלאזט אויף א רגע איהר האנד, און אין די אויערען איז איהר געשטאנען דאס מורא'דיגע שעפטשען פון פריהער.

זי האט גארבישט געהערט, א חוצ'ן געריש פון מאטאר.

צייטענווייז נאר האט זיך מיט א געדודער פאר ביגעיאגט א בעגעגענטער אויטאמאביל...

פלוצים האט זיך דער אויטא אפגעשטעלט. דער שאפער האט געעפענט דאס טירעל און א פרעג געטון:

— ס'איז אלץ אין ארדענונג?

דער פערשוין, וואס איז געזעסען אינעווייניג, האט געענטפערט:

— אלץ איז אין ארדענונג!... דאס מיידעל האלט זיך אויסגעצייכענט!

— וואס ווילט איהר טון מיט מיר? — האט מערי, ציטערענדיג א פרעג געטון.

— מיר וועלען אייך באלד אפפיהרען אין א קליין הייזעל, וואו איהר וועט זיך קענען פיהלען, ווי ביי זיך איבערהיים. דער טערמין, ווי לאנג איהר וועט דארט פערברענגען וועט זיך איבערגאנצען אין געוויסע אומשטענדען, מחמת מיר וואַרטען אויף אייניגע פאסירונגען אין דער שטאט.

ער האט א ווילע צוגעווארט און צוגעגעבען:

— איין מאל פאר אלע מאל מוז איך אייך מתרה־זיין, אז אייער לעבען דראהט א גרויסע געפאהר... ביי דעם ערשטען פרוב אייערן צו ענטלויפען, וועט מען אייך דער׳הרג׳ענען!... פערשטאנען?...

— אבער ווער זענט איהר? — האט זי ארויס געשעפטשעט — צו וואס האט איהר מיך דא אהערגעבראכט?

דער פערשוין האט נישט געענטפערט.

אין דער פינסטער האט זי דערזעהען זיין בלאסען פנים, וואס האט געענדעלט צו א מאסקע. אין איהרה מוח האבען א בליצעל געטון עפעס פערגעפעלטע ערגיינערונגען.

— „דריי מאלפעס“!... די דריי מאלפעס! — האט זי אויסגעשריגען, און פערלוירען דאס בעוואוסטזיין.

— זעהר גוט, — האט זיך מאריץ אפגערופען

— זי האט געח'לש'ט, און ווען א פרוי פאלט אין אהנמאכט, מאכט זי נישט קיין הארמידער!

— פאהר! — האט מאקס בעפוילען — כ'האב מורא, אז עמיצער האט געהערט איהר געשריי.

קאפיטעל צוויי און צוואנציג
לעאנ'ס צוריקקעהר

נאך א לאנגען שמועס מיט שארלאטע סימפסאן, ד. ה. מעריס דערציהערין, האט זיך לעאן צוריקגעקעהרט אין שטאט אריין.

דערנאך האט ער דערצעהלט זיין פעטער, אז זינט ער לעבט, איז איהם נאך נישט אויסגעקומען צו צוקנאקען אזעלכע הארטע ניס.

ער איז תיכף אוועק צו זיך אהיים און זיך געלייגט שלאפען.

אינדערפריה איז ער געקומען אין קאנטאר

— גוט, וואס דו ביזט געקומען, — האט זיך אפגערופען דער פעטער — מיט אייך וויל רעדען דער הער גוטערמאן... ער האט געקלונגען צוויי מאל...

לעאן איז צוגעלאפען צום טעלעפאן־אפאראט.

— וואו איז פריילין מערי? — האט א פרעג געטון דער אלטער.

— וואס הייסט, וואו? — איז לעאן בלאס געווארען.

— זי קומט נישט אהער — האט גוטערמאן ווייטער גערעדט — אפשר איז זי קראנק?

— גאט מיינער — האט לעאן א געשריי געטון, שטיקענדיג זיך — ווארט צו, הער גוטערמאן... איך פאהר באלד צו צו איהר...

לעאן האט א שליידער געטון דאס טרייבעל, און אין א מינוט שפעטער איז ער שוין געפאהרען צו מערין.

אין שטוב האט ער געטראפען די באלעבאסטע.

— וואו איז פריילין מערי? — האט ער אויסגערופען.

די באלעבאסטע איז איהם ענטקעגענגעלאפען, און געענטפערט:

— סטייטש וואו?... זי איז דאך אוועקגעפאהרען מיט איהר שעף!...

— זי איז נישט געפאהרען מיט קיין שום שעף! דערצעהלט מיר אלץ, וואס איהר ווייסט!— איז לעאן געווען אויסער זיך.

די באלעבאסטע האט איהם דערצעהלט וועגען די דעפעשען.

אלזא, דא איז געשעהען א מורא'דיגע זאך!— האט זיך לעאן געריסען ביי די האר! — א גרוי־זאמע זאך!

און ער איז ארויסגעלאפען פון צימער.

ער איז אוועקגעלאפען אין אויספארשונגס־אמט, כדי צו אדורכרעדען זיך דארט מיט זיין בעקאנטען געהיים־אגענט.

יענער האט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט און נאך דעם, ווי ער האט טעלעפאנירט אין ערגיץ עטליכע מאל, האט ער געזאגט:

— דער ענין איז קלאר, ווי דער טאג... די „מאלפעס“ האבען זי געפאקט!... איך האב גע־געבען א פארציע דעם אגענט, וואס איז געשטאנען ביי איהר הויז, אבער דאס קאן גארנישט העלפען!

(פארטזעצונג קומט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 3 אקטאבער — י"א תשרי תרצ"א

זון-אויפגאנג 5.36
זון-אונטערגאנג 5.14
ליכט צינדען 5.00

הכנות צו די וואהלען אין סיים און סענאט

בירגער קאנטראלירען נישט די וואהל־ר רשימות

דער פארזיצער פון דער קרייז־וואהל־קאמיסיע ריכטער קארווין קארטקעוויטש האט אדורכגעפיהרט אילוסטראציע אין די וואהל־אבוואדען און האט פעסטגעשטעלט, אז די ארבייט אין די אבוואדען געהט נארמאל.

די וועהלער קומען אבער נישט נאכקאנטראלי־רען צי זיי זענען ריכטיג אריינגעטראגען אין די וועהלער־רשימות. עס קומען בלויז די פארשטעהער פון די גרופען און קאנטראלירען צי זייערע אנ־הענגער זענען אריינגעטראגען אין די רשימות.

מאנארכיסטען

מען גיט איבער, אז די מאנארכיסטען אין דער לאדזשער וואיעוואדזשטווע ארגאניזירען זיך צו די וואהלען און וועלען ארויסטרעטען זעלבסטשטענדיג.

יאהרגאנג 1909 וועט שטימען

ווי מען פארזיכערט וועלען די געבוירענע אין יאהר 1909 קאנען אבגעבען זייערע שטימען, ווייל די הויז־בעזיצער האבען דעם יאהרגאנג אויפגעגע־בען און דער מאגיסטראט האט די זעלבע געגעבע־נע אריינגעטראגען אין די רשימות.

רעגולאציעס, פראלאנגאציעס, אפעלאציעס
טעגליכע כראניק פון האנדעלס־געריכט
אקציאן געזעלשאפט בארטשינסקי שוין נישט מעהר אונטער געריכטס־אויפזיכט

מיכאל כיגרען פעטריקאווער 58 האט זיך גע־ווענדעט אין געריכט וועגען ערטיילען איהם א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען. די האנדעלס־קא־מער האט זיך ארויסגעזאגט געגען ערטיילען איהם א פראלאנגאציע, דער עקספערט דאגעגען האט זיך ארויסגעזאגט פאר דעם.

דאס געריכט האט דעם אורטייל אפגעלייגט ביזן 21. כדי אדורכצופיהרען אנ'אפשאצונג פון די סחורות, גארן און מאשינען.

* * *

אהרן בערלינער איז אין אקטאבער ערקלערט געווארען אלס באנקראט. די אקטיווען זענען אפגע־שאצט געווארען אויף 8,850 זל. און געמאלדען זיך צו דער באנקראט־מאסע האט זיך איין פירמע מיט חובות אויף 18,810 זל. דער באנקראטירטער האט פארגעשלאגען כדי צו דעקען דעם חוב דעם איינציגער קרעדיטאר איבערשרייבען אויף זיין נא־מען א היפאטעק חוב אויף 4166 רובל. דער קרע־דיטאר איז מסכים געווען.

דאס געריכט האט דעם אפמאך בעשטעטיגט און דעם באנקראטירטען צוריקגעשטעלט אין זיין סוח־רישע עהרע.

* * *

דעם 6. נאוועמבער פ. י. האט די אקציען־געזעלשאפט „בארטשינסקי" זיך געווענדעט אין גע־ריכט וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען. די פירמע וועלכע האט זיך גערעכענט פאר איינע פון די שטארקסטע אין פוילען האט דעם 17. דעצעמבער בעקומען א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף 3 חדשים. אין פערלויף פון די ערשטע 3 חדשים האט די פירמע פערקלענערט איהרע חובות אויף אנ'ערך א האלב מיליאן זל. דאס געריכט האט די פראלאנגאציע פערלענגערט נאך אויף 3 חדשים און שפעטער — צום דריטען מאל אויף ווייטערע 3 חדשים. איצט ווען דער לעצטער טערמין איז פעראיבער האט דאס געריכט מבטל געמאכט די גע־ריכטס אויפזיכט איבער דער פירמע.

* * *

רובין צאדיקעוויטש, נאוואמיעסקא 17 האט זיך געווענדעט אין געריכט וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען. די פירמע עקזיסטירט זיים 30 יאהר. דער עקספערט האט זיך ארויסגעזאגט גינסטיג, דאס געריכט האט אבער נישט איינגעפינען קיין זיכערקייט, אז צאדיקעוויטש וועלכער פיהרט נישט קיין האנדעלס ביכער, וועט קענען זיך אויס־וויקלען און האט די פראלאנגאציע פון די צאהלונ־גען אפגעזאגט.

צאדיקאוויטש האט דאן זיך געווענדעט מיט אנ'אנקלאגע אין אפעלאציע געריכט אין ווארשא. דאס אפעלאציע געריכט האט גענומען אין אכט די מיינונג פון עקספערט און דעם אומשטאנד וואס צאדיקאוויטשעס הויפט קרעדיטאר די פירמע „יוזעף ריכטער" האט געשטיצט זיין ווענדונג וועגען פרא־לאנגאציע פון די צאהלונגען האט אפגעשאפט דעם אורטייל פון לאדזער האנדעלס געריכט און האט די פראלאנגאציע ערטיילט אויף 3 חדשים פונ'ם 26. אויגוסט 1930 י.

די טעג וועלען בעשטימט ווערען דער ריכטער קאמיסאר און דער געריכטס־אויפזעהער.

איינברוך אין דער פירמע „פראגרעס"

עהרנעכטען ביינאכט האבען גנבים זיך ארייג־געקריגען אין לאקאל פון דער פירמע „פראגרעס" קילינסקי 65 דארט אויסגעבראכען די געפאנצערטע קאסע און צוגענומען א גרעסערע סומע מזומן, וועקסלען און ווערט פאפירען.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז 1 א זייגער ביינאכט זענען עטליכע מאסקירטע פער־זאן אריינגעקומען אין דער ביורא פון דער דער־מאנטער פירמע און געדראהט מיט רעוואלווערען דעם וועכטער פאדערענדיג ער זאל זיי געבען די שליסלען פון דער קאסע, ווען דער וועכטער האט דאס אפגעזאגט, האבען זיי איהם געבונדען און אריינגעווארפען אין א ווינקעל פון קארידאר און האבען זיך אליין גענומען צו דער ארבייט.

אין רעזולטאט האבען זיי אויפגעבראכען די קאסע.

•

עס שטעלט זיך ארויס, אז די איינברעכער האבען זיך גריכט צו געפינען אין דער קאסע א גאר גרויסע סומע געלד, ווייל זיי האבען גע־וויסט, אז די פירמע צאהלט אויס דעם פערסאנאל און די ארבייטער דעם 1. אקטאבער, האבען זיי גערעכענט אז דאס אנגעגרייטע געלד ליגט אין דער קאסע, צופעליג איז אבער די אויסצאהלונג דאס מאל פארגעקומען דעם 30. סעפטעמבער, אזוי אז די איינברעכער, וועלכע זענען, ווייזט אויס, געווען גיט אינפארמירט וועגען צושטאנד פון דער קאסע, האבען אביסעל פערשפעטיגט. בסך הכל האבען די איינברעכער געפונען אין דער קאסע אנ'ערך טויזענד זל. די איינברעכער האט מען נישט געכאפט.

דעם נאכט־וועכטער גערלינג האט מען ארעס־טירט.

פאליציי האט אויך געמאכט א רייה אבלאוועס און ארעסטירט מעהרערע פערדעכטיגטע פערזאנען.

געשאסען אויפ'ן ווייבס קאכאנעק

(א) מיט א צוויי יאהר צוריק האט דער לאדזער גאלאנטעריע־סוחר הענריק וויינשטיין בעת ער האט געדינט אין מיליטער אין לעמבערג זיך דארט בע־קענט מיט פרל. אירענא קליין א טאכטער פון א סוחר אין דער צוקער־בראנזשע אויף קאזשמעראווער־סקע גאס, בעת זיין דינען אין מיליטער איז וויינ־שטיין געווארען א חתן און ווען ער האט אויסגע־דינט האט ער חתונה געהאט מיט אירענא און דאס יונגע פאר פאלק האט זיך בעזעצט אין לאדז. א יאהר נאך דער חתונה איז אירענא אוועקגעפאהרען קיין לעמבערג צו איהרע עלטערען אויף א חודש. ס'איז אבער אריבער א חודש, צוויי און זי קומט נישט צו פאהרען אהיים, שרייבט נישט קיין בריף איז וויינשטיין געווארען אומרוהיג און האט פער־שטעהענדיג, אז עפעס איז נישט אין ארדנונג זיך אראפגעכאפט קיין לעמבערג. אבער דארט האט אויף איהם געווארט אנ'איבערראשונג. ביי איהרע עלטערן האט וויינשטיין אירענא'ן נישט געטראפען און זיי האבען אפילו נישט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך. דערוויל האט אנגעקלונגען דער טעלעפאן, ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס קלינגט וויינשטיינ'ס פרוי. וויינשטיינען איז געלונגען פעסטצושטעלען פון וואנען זי קלינגט און ער איז אוועקגעאנגען צו יענעם הויז פון וואנען זיין פרוי האט געקלונגען.

דארט האט ער זיך פונ'ם הויז וועכטער דער־וואוסט אז זיין פרוי איז אנ'אפטע בעזוכערין ביי א געוויסען יונגעמאן, וואס וואוינט דארט, וויינשטיין האט אפגעווארט ביז אין אוונט און ארום 10 זייגער האט ער ביים טויער דערזעהען זיין פרוי מיט איהר בעגלייטער וועלכען ער האט דערקענט לויט דעם ווי ס'האט איהם אפגעמאלט דער הויז־וועכטער. וויינשטיין איז צוגעלאפען צו זיין פרויס בעגלייטער און ארויסכאפענדיג זיין רעוואלווער, נישט רעדענדיג א ווארט אויסגעשאסען. דער יונגער מאן האט זיך פערשטעלט אינסטינקטיוו מיט די הענד און די קויל האט איהם געטראפען אין האנד. אויפ'ן שאס זענען אנגעלאפען פערבייגעהער און פערהאל־טען וויינשטיינען.

די פרוי איז ענטלאפען, ביידע קאנקורענטען האט מען אפגעפיהרט אין פאליציי, וואו מ'האט דעם פערוואונדעטען ערטיילט הילף.

פאר גנבים איז אלץ סחורה

(2) אין דער דרוקעריי פון דער ריטשער צייטונג „פרייע פרעסע" האבען גנבים ארויסגענבעט 80 קילא מעטאל אין ווערט פון 1400 זל.

פאליציי זוכט די גנבים.

„מרכז עברי"

מארגען שבת אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. צעגעלניאנא 4 א פארלעזונג פון ציקל איבער דער שאפונג פון מענדעלי מוכר־ספרים. רעפערירען וועט ה' חלודניעוויטש א. ד. ט. „מענדעלי דער סאטיריקער אין ווערק „די רייזע פו ובנימין דעם דריטען".

צנים פחים בדרך עקש. שומר נפשו ירחק מהם.
תקעו בחודש שופר. בכסה ליום חגנו. כי חוק לישראל הוא משפט.

איבער דעם זאלסט קומען אין דער עלטער בעוו, רעכטסקאנסולטאנט־ביורא פון ה' מאנעלא, פיעטריקאווער 17

זאכאדניא 52) טעל. 148-79

וואו עס ווערט שנעל און פינקטליך ערלעדיגט געוויסענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, קארנע, האנדלאווע, אפע־לאציעס, אדוואלאניעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, וועגען דירות אין אויזשאנד ראזיצעטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. בעמערקונג: קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס ווערען ער־לעדיגט במשך פון 24 שעה.

מיט אכטונג ד. מאנעלא, פעטריקאווער 17.

שטיצע־אויסצאהלונג פאר ארבייטסלאזע

מאנטאג האבען זיך אנגעהויבען די אויסצאלונגען פון די אונטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע פאר'ן חודש אויגוסט. די אויסצאהלונגען וועלען פארקו־מען אין אונטערשטיצונגס ביורא אויף דער גאס פון 28 שיסער־פולק 32.

היינט, וועלען בעקומען די שטיצע די, וועמ־ענס נעמען עס הויבען זיך אן – P R S
מארגען שבת – T U W Z Ż

זעלבסטמארד צוליב ראמאנ־טישע סבות

(2) אויף דער גאס פון 28. שיסער־פולק 47 איז אין דער וואוינונג פון זיינע עלטערן בעגאנגען זעלבסטמארד דער 26־יאהריגער סטודענט פון ווארשאווער פאליטעכניקום יאן קאבושעוויטש. די סבה פון זעלבסטמארד איז א ראמאנטישע. פאליציי האט קאנפיסקירט דעם רעוואלווער, אויף וועלכען קאבושעוויטש האט געהאט אנ'ערלויבניש.

אפטייקען

(2) אנטאניעוויטש (פאביאניצקא 50), כאנד־זשינסקי (פיעטריקאווער 164), סאקאלעוויטש (פוי־עאזר 19), רעמבעלינסקי (אנדזשעיא 28), זונדע־לעוויטש (פיעטריקאווער 25), קאספערקעוויטש (זגער־זשער 54), טראזקאווסקי (בושעשינער 56).

אדוו. הארטגלאס וועגען זיינע איינדריקען אין א"י

מארגען וועט אדוו. הארטגלאס האלטען א פארלעזונג אין „הזמיר" וועגען זיינע איינדריקען אין א"י. אדוו. הארטגלאס, וועלכער איז ערשט צוריקגעקומען פון דארט, האט פערבראכט אין לאנד עטליכע חדשים און זיינע איינדרוקען וועט ער זי־כער איבערגעבען אין א זעהר אינטערעסאנטער פארם.

ראדיא־פראגראם
פרייטאג דעם 3 אקטאבער

11.58 צייט־סיגנאל פון ווארשא או העינאל פון מאריאצקען טורם אין קראקא. 12.05 גראמאפאן־פליטען. 13.15 טאג־פראגראם, קינא אין טעאטער־רעפערטואר. 16.15 קאמוניקאט פון הויפט פערבאנד פון די פייערלעשער. 16.30 גראמאפאן־פליטען. 17.10 קאמוניקאט פון פוילישען פערבאנד פון די קורץ־כוואליגע. 17.35 פארלעזונג. 18.00 מאנדאלינעסטען־קאנצערט. 19.00 פערשיעדענעס. 19.20 בוכהאלטערישע פירטעל שעה. 19.35 גראמאפאן־פליטען. 19.45 קאמוניקאט פון לאדזשער האנדעלס־קאמער, פראגראם אויף מארגען: קאמוניקאטען, צייט־סיגנאל פון ווארשא, 20.00 ראדיא־זשורנאל, 20.15 סימפאנישער קאנצערט פון ווארשאווער פילהארמאניע, 22.00 פעליעטאן, 22.15 קאמוניקאטען, 23.00 גראמאפאן־פליטען.

ווייין און מעהר
— ווי אויך —
אלערליי געטראנקען
גוט און ביליג
„בארווין"
קויפט מען נור ביי דער בעוואוסטער פירמע „
אינהאבער מענדל בארנשטיין
לאדז, נאוואמיעסקא 30
טעלעפאן 58־210

דירעקטער אימפארט פון ארץ־ישראל
היט אייך פאר פאלסיפיקאטען!

קינא־טעאטער „קאפיטאל"

היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסער קלאנג־מייסטערווערק, וואס שילדערט די ליבע און העלדענטאט פון די לופט־ריטערס — לופט־פליהערס א. ג.
„פליגעל־פלאט"
פרעכטיגע קרעאציע פון שעהנעם
POGANIN
RAMON NOVARRO
אין די איבריגע ראלען די גוט בעקאנטע קינא־שטערען
Anita Page i Ralpf Graves
אויסערן פראגראם:
דער בעדייטענדסטער באריטאן אין דער וועלט TITTA RUFO וועט זינגען אריעס „Credo"
פון דער אפערע „Otelio"

אנהויב 4 נ"מ. שבת, זונטאג, חגאות 1 בייטאג פאפול. פרייזען. ערשטע סעאנסען 50 גר און 1 זל

רעגירונגס-קאָמיסאַר אין לאָדזער מאַגיסטראַט

מיטוואָך איז דער לאָדזער וואָיעוואָדע יאַשזשאַלט אַרויסגעפאָהרען קיין וואַרשא וואו ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ רייע קאָנפערענצען צוו. אַנד. מיט׳ן דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר זעלבסטפערוואַלטונג־ענינים ביים אינערן־מיניסטעריום ה׳ קאָרסקי און מיט׳ן אינערן־מיניסטער. אויף די קאָנפערענצע [איז] בעשלאָסען געוואָרען די קאַדענץ פון לאָדזער שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט נישט צו פערלענגערען און ביז ס׳וועלען אַדורכגעפיהרט ווערען נײַע וואַלען צום שטאָט־ראַט בעשטימען אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר אין די רעגירונגס־ספערען האַלט מען אַז די איצטיגע שטימונגען צווישען דער לאָדזער בעפעלקערונג האָבען זיך געענדערט זייט די לעצטע וואַהלען און דער איצטיגער מאַגיסטראַט ענטשפּרעכט דעריבער נישט די כּוחות־פערהעלטנישען און שטימונגען פון היינטיגען לאָדז.

ווער ס׳וועט זיין לאָדזער קאָמיסאַר איז נאָך נישט בעשטימט, מ׳האָט אין דער לעצטער צייט שטאַרק גערעדט וועגען דער קאַנדידאַטור פון געוועזענעם דעפּוטאַט וואַסקעוויטש פון די לינקע נ.פ.ר. אָבער ווי מ׳גיט איבער ווילען די נ.פ.ר. פאַר די וואַהלען צום שטאָט ראַט נישט איבערנעמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער שטאָטישער ווירטשאַפט און זיי זענען אויף דער קאַנדידאַטור נישט מסכים.

די פראַגע וועט דעצידירט ווערען אין פערלויף פון דער קומענדיגער וואָך.

אנשטאט אין סינאגאגע צו כל נדרי — אין קאזע

(2) איגנאַצי פלאַך פון וויען איז געקומען קיין לאָדז כדי איינצוקויפען מאַנופאַקטור און זיך בעזעצט אין גראַנד־האָטעל, יום כפּור איז ער אוועק דאַוונען אין דער סינאַגאָגע אויף אל. קאָשטשושקי. ביים אַריינגעהען האָט ער דערפיהלט אַז ס׳איז איהם לייכטער געוואָרען [און]אין׳ם הינטערשטען טאַש וואו ער האָט געהאַלטען זיין פּאָרטפעל. דערוויל האָט ער בעמערקט, אַז עפּעס אַ פּערזאָן, וואָס איז איהם די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען און זיך געהאַלטען די גאַנצע צייט נאָהענט פון איהם, האָט אָנגעהויבען זיך צו דערווייטערען. פלאַך האָט געמאַכט אַ טומעל, ס׳איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט און האָט זיך געלאָזט יאָגען נאָך׳ן אומבעקאַנטען מ׳־האָט איהם פערהאַלטען און אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאָט פעסטגעשטעלט אַז דאָס איז דער 45 יאָהריגער דוד ראַגאָזשינסקי פון קאַלענבאַך 7. דעם געגנבעטען פּאָרטפעל האָט מען ביי איהם נישט געפונען ראַגאָזשינסקי האָט געלייקענט אַז ער זאָל האָבען גערינבעס, ער איז געגאַנגען אין סינאַגאָגע דאַוונען און האָט אַפילו אויסגעקויפט אַ בילעט, מ׳האָט איהם אָבער ביי ראַגאָזשינסקין אַרויסגעגנבעט.

דער סינאַגאָגע קאַנצעלאַריע איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז ראַגאָזשינסקי האָט קיין בילעט נישט אויסגעקויפט. דאַגעגען האָט די פּאָליציי פעסטגעשטעלט, אַז ראַגאָזשינסקי איז שוין עטליכע מאָל אָפּגעזי[צ]ע[ן] אורטיילען פאַר גנבה.

מ׳האָט איהם אַרעסטירט.

פאר בעליידיגען א לעהרער, וועלכער האט אנ׳עלטערען־פערזאמלונג אנגערופען „באנדע“

(2) נעכטען איז אין פּאָוויאַטאָווי געריכט אין לאָדז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון אַנטאָני גראַסשיק, יוזעף גלושטשאַק, מאַריא לישעוויטש, וולאַדיסלאַווא גריטשאַק און שימאָן טורעמקא זיי זענען בעשולדיגט געוואָרען אַז דעם 12. מערץ האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין דער וואָינונג פון׳ם לייטער אין דער פאָלקסשול נומער 73 (זשעראָמסקע 36) אַנטאָני דזשעניסעוויטש און איהם בעליידיגט. גראַסשיק און טורעמקא האָבען דעם 15. פעברואַר אויף אַ פערזאַמלונג פון׳ם עלטערען קאָמיטעט אַגיטירט אַז מ׳זאָל דעם לעהרער צוברעכען די ביינער און אַרויסוואַרפען.

צום פּראָצעס זענען [אַ]רויסגערופען געוואָרען 25 עדות, זיי האָבען [פ]עסטגעשטעלט אַז צווישען [ד]עם לייטער פון דער שולע און דער לעהרערין [פ]ון 4. קלאַס זענען פאָרגעקומען סכסוכים. ווען ער האָט זי אַמאָל בעזייטיגט האָבען די קינדער נישט געוואָלט צולאָזען די נייע לעהרערין.

דאַן האָט דער לייטער דזשעניעוויטש צוזאַמענגערופען אַ פערזאַמלונג פון די עלטערן און האָט געשריבען אין די איינלאַדונגען אַז מ׳וועט רעדען וועגען דער האַלטונג פון די קינדער, ווען ער האָט אָבער אויף דער פערזאַמלונג גערעדט וועגען עפּעס אַנדערש, האָבען די עלטערן אָנגעהויבען פּראָטעסטירען און געפאָדערט צו ערטיילען אַ וואָרט דער לעהרערין מיכאַלאָווקא, דזשענעשעוויטש האָט דאַן אויסגערופען אויפ׳ן אַדרעס פון די עלטערן — „באַנדע“! אַנ׳עדות האָט דערצעהלט אַז פאַר דער פערזאַמלונג האָט דעם לייטערס זוהן אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, כדי אָפּצושרעקען די עלטערן.

דזשענישעוויטש פלעגט אָפט איבערלאָזען די קינדער אין קאָזע. אין דעם טאָג זענען געבליבען אין קאָזע די קינדער פון גראַטשעק גלוטשאַק און לישעוויטש. זיי זענען אוועק צום לייטער זיך צו דערוויסען וואָס מיט זייערע קינדער איז געוואָרען און דאַן איז ביי דזשענישעוויטשען ענטשטאַנען אַ קריגעריי און אַ פאָרמעלער געשלעג מיט דזשענישעוויטשען, זיין פרוי און זוהן.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט מאַריא לישעוויטש וולאַדיסלאַוו גראַטשעק צו 50 זל. שטראָף פאַר שטערען די רוה. די איבריגע זענען בעפרייט געוואָרען, אינ׳ם געריכטס־אורטייל איז אָנגעגעבען געוואָרען אַז דזשענישעוויטש האָט אין זיין רעדע געברויכט דאָס וואָרט „באַנדע“ און האָט דערמיט פּראָוואָצירט די אוואַנטורעס.

ביי אפּעטיטלאָזיגקייט

שלעכטען מאָגען, שלעכטער פערדײַאונג, אָבסטרוקציעס, אויסגעוואַרפענע גאַלן־שטאָף, בעזײַטיגט דאָס נאַטירליכע ביטער־וואַסער Fraciszka Józefa פון אָרגאַניזם די פערפוילטע סובסטאַנצען, וואָס פער׳סמען דעם אָרגאַניזם. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד־אַפּטעקעס.

DZIŚ W RADJO
Godz. 22.—
Marjusz Maszyński
„Kręcę dźwiękowce“

קינסטלערישער קאבארעט אין „פּיקאַדילי“

שבת, דעם 4־טען אָקטאָבער ד. י. 10 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר די פייערליכע ערעפנונג פון דעם קאַבאַרעט אין רעסטאָראַן־דאַנסינג „פּיקאַדילי“ די דירעקציע האָט אַנגאַזשירט פאַר׳ן קומענדען סעזאָן די בעסטע קינסטלערישע קאַבאַרעט־קרעפטען. די לאַנגיעהריגע פּאַכמענישקייט פון דער דירעקציע גיט אַ גאַראַנטי, אַז דער דאָזיגער קאַבאַרעט וועט געפיהרט ווערען לויט׳ן מוסטער פון די אויסלענדישע קאַבאַרעטען און וועט זיך בעמיהען צו געווינען די גאַנצע לאָדזער עליטע.

דער דאַנסינג־רעסטאָראַן איז אויך פערזעהען מיט אַ רייכען בופעט און מיט אַ געשמאַקהאַפטע קוך, ס׳איז צו האָפען, אַז דער דאָזיגער פערוויילונגס פּלאַץ וועט האָבען דעם געהעריגען ערפאָלג.

פייערליכע געזעגענונגס־אָוונט ביי די „ווילנער“

זונטאָג דעם 5. ד. ח. קומט פאָר דער פייערליכער געזעגענונגס־אָוונט ביי די „ווילנער“. עס וועט זיין אַנ׳אָוונט פון גרויסען קינסטלערישען גענוס. צו דעם אָוונט גרייטען די „ווילנער“ צו אַ ספּעציעלען פּראָגראַם פון הומאָר און סאַטירע. עס וועט זיין אַנ׳אָוונט פון שפּרודל׳דיגען הומאָר, בייסיגע סאַטירעס און אַ גאַנצע רייה נייע 7 אַקטועלע פּאַראָדיעס.

עס איז אָהן שום ספק, אַז די יודישע בעפעלקערונג, וועלכע האָט מיט אַזאַ בעגייסטערונג אויפגענומען די „ווילנער“ אין משך פון די דריי חדשים וועט אויך מאַסענווייז קומען זיך געזעגענען מיט די „ווילנער“.

Restaurant-Dancing
„PICCADILLY“
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1, טעל. 203-40
מאָרגען, שבת, דעם 14־טן אָקט. ד. י. 10 אַ זייגער אָוונט
פייערליכע ערעפנונג
פון נאָך אין לאָדז נישט געזעהענעם
אייראָפּעאישען קינסטלערישען פאַמיליען
קאַבאַרעט
אונטער דער לייטונג פון לאַנגיעריגען בעזיצער פון רעסטאָראַן H. Bajgelman „Metropol“
אויפטריט פון ערשטקלאַסיגע קינסטלערישע קרעפטען.
צום ערשטען מאָל אין לאָדז!
Anna & Giuseppa — געזאַנג און מוזיקאַל. טאַנץ־פּראָדוקציעס
Mill Mila — אינטערנאַציאָנאַלע סובּרעטקע
Anita & Fret Spring — עקסצענטרישע טענצער
Lola Bozutówna — קלאַסישע כאַראַקטער־טענצערקע
Spary — קאָנפערענסיער און זינגער.
רייכהאַלטיגער בופעט / אויסגעצייכענטע קוך.
FIVE O'CLOCKI שבת, זונטאָג און יום־טובים
מיט דער בעטייליגונג פון גאַנצען אַרטיסטישען פּערסאָנאַל.
DYREKCJA מיט אכטונג

2 צימער
מעבלירט מיט אַ בעזונדערן איינגאַנג ציגעלגאַס 55 פון זאָפאָרט איבערצוגעבען צו ערפרעגן ביי ד. בערמאַן ציגעל־גאַס 55 וו. 16

עס קען זיך מעלדען
אַ גוטע
קראַפט־
שפּולעריין
ווי אויך אַ קעסלערין צו אַ 22־ער קעטל מאַשין
זגערזשער 13
פראָנט 2־טער שטאָק

א צימער
ביי אַנ׳אָנשטענדיגער פאַמיליע איז פאַר 2 יונגעלייט איבערצוגעבען.
6־טער שפּרינג 27
וואַסערמאַן

Dr. med.
M. Lerner
ספּעציאַליסט
פאַר קינדער־קראַנקהייטען
וואָלטשאַנסקאַ 64
טעל. 113-09
נעהמט אָן פון 3—5 נאָכמ.

Dr. med.
A. Landkof
פּאָלודניאָוואַ 15
טעל. 138 34
אינערליכע און קינדער קראַנקהייטען
צוריקגעקערט
נעמט אָן פון 2 3 און 7־8 אָוו.

Dr.
J. PIK
ul. Żeromskiego 36
przy Zielonym Rynku
tel. 175-50
CHOR NERWOWE i WEWNĘTRZNE
spec. psycho-nerwice
Przyjmuje od $5\frac{1}{2}$ — 7

Dr. H. Weisshoff
אינערליכע און קינדער קראַנקהייטען
זאַוואַדזקאַ 23, טעל. 162·95
צוריקגעקערט
נעמט אָן אינדערהיים פון 2 — 4

Dr. med. J. BETTE
ספּעצ.־אַרצט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען
PIOTRKOWSKA 6, tel. 144-95
נעמט אָן פון 8 — 11 פריה און פון 4 — 6 נאָכמ.

ערשטקלאַסיגער
פאָטאָגראַפישער אנשטאַלט
„BERNARDI“
Piotrkowska 17, tel. 144-11
האָט רעדוצירט די פּרייזען
6 פּאָטשטובקעס 5 זל.
אַהן אונטערשיד אויף דער פּאָזע
(ביז דער העלפט, ביז דער קניה, אדער איגאַנצען)
די רעדוקציע פון די פּרייזען האָט נישט קיין שום שייכות אויף דער קוואַליטעט פון דער אַרבייט.

DR. MED.
Z. Datyner
צוריקגעקעהרט
אוראָלאָג
ספּעציאַל־אַרצט פאַר בלאָזען נירען און אורין־קראַנקהייטען
Piramowicza 2
(Olginska) Telef. 148-93
נעמט אָן פון 9—10 פאַרמ. און פון 6 — 8 אָוונט

Dr.
HELLER
ספּעציאַליסט פאַר הויט־ וענערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע.
גאַוראָנט 2 טעל. 79-89
נעמט אָן ביז 10 פריה און פון 4—8 אָוונט. פאַר פרויען ספּעציעל פון 4—5 נאָכמיט. פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזען.

Lekarz Dentysta
H. Żółtkowska
האָט בעניימט די אויפנאַהמען
נאָוואָ - צעגעלניאַנאַ 29.

ODCISKI
usuwa
RADYKALNIE
płyn wyrobu
Laboratorjum Chem. Farm.
ST. HAMBURGA i S-ka
ŁÓDŹ, GŁÓWNA 50

„MOULIN ROUGE“
UL. MONIUSZKI 1.
KAY WHIT
DUO PARTOS
SZANTOS MARIA
KAY EUGEN
WENNA KRAUS
היינט ערעפנונג פון סעזאָן

איינטריט פריי
שבת, זונטאָג און יום־טוב
FIVE O'CLOCKI מיט פול׳ן פּראָגראַם
אָנהויב 10.30 אָוונט.

היינט געזעגענונגס־פאָרשטעלונג פון מיעטשיסלאַוו דאַבראַ־וואָלסקי, אַ. משעלעצקאַ, שימאַנסקי־דועט צום לעצטען מאָל
עלעאַנאָראַ, שעם זיך...
מאָרגען שבת פייערליכע פּרעמיערע! הומאָר געזאַנג און טענץ! גאַסטשפּילען פון גרעסטען יודישען הומאָריסט מאַקס באָטשקאָווסקי; לידער־זינגער מיט גיטאַרע־אַקאָמפּאַנימענט אַלעקסאַנדער אַלעקסי; וואָדעווילוסטקע לענאַ אָסשאַנסקאַ; טאַנץ־דועט וועגלאָווסקי און יאַניסובנאַ;
גרויסע רעוויע אין 18 טיילן א. ג.:
„די פּאַראַדע־שטערנס“
מיט׳ן אָנטייל פון מ. באָטשקאָווסקי, א. אַלעקסי, אָקשאַנסקאַ, וועגלאָווסקי, יאַניסובנאַ, שוועסטערן וואַשילעווסקי, אַלעכאָווסקי, טשאַרקאָווסקאַ א. אַנד. ספּעציעלער וואַרשאַווער באַלעט, גירלסען און כאָר. גאַנץ ניי־אַנגאַזשירטער אַנסאַמבל: רעזשיסער: אַלעקסי, לים. לייטער: ב. באַלעכאָווסקי, קאַפּעלמייסטער: לעווין, ליכט־עפעקטען — הערצבערג, דעקאָראַציעס - ביאַלעצקי, איינענע קאָסטיומען.

ריוויו־טעאַטער
„Czarne Ok“
אַנאַוו עגאַ (אַלעכס.) 37, טעל. 149·48
ניי רעמאָנטירטען לאָקאַל פון געוו. קינאָ - טעאַטער
„SYRENA“
טעגליך 2 סעאַנסען 7.30 און 9.30 אָוונט
שבת, זונטאָג און יום־טוב 3 סעאַנסען: 5, 7 און 9 אָוו.
פּרייזען פון 50 גר. ביז 2.50 זל.

קלאַנג-פילם-טעאַטער
„MIMOZA"
ul. Kilińskiego 178.

היינט און פאָלגענדע טעג פּרעמיערע!

ערקטיגער קלאַנג-פילם פון דער פּראָדוקציע „Paramount"
וואָס דערמאָנט דאָס בעריהמטע בילד „ברודער-בלוט"

„פיר פעדערן"

אידישע היפּטראָלען:
Richard Arlen, Fay Wray, Clive Brook, W. Powell i Noah Beery

אויסערן פּראָגראַם: רעוועלאַציאָנס-קלאַנג-צוגאַבע
אָנהויב 5.30, 7.30 און 9.15, שבת, זונטאָג און יום טוב 3.30 נ"מ
נעכסטער פּראָגראַם: „הערצער-מעלאָדיע"

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפּעראַציע, אָן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג. פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער ווייבער און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין גוף פאַר הויקערס און פיסן

פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראָך ווערט גרויס אַזוי ווי א מענשען-קאָפּ, אָדער אַזוי ווי א וואַסער-קאַן און עס פאַלט אַריין אין דעם כוס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער ברענדיג און שטערבליך. ספּעציעל גוטע היל-באַנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פּראַקטיק מיט מיינע בעהאַנדלונג און פון דעמעטען פּראָפעסאָר-דאָקטאָר בראַכגרעהונג בעזאָרגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען בראָך. אויך פאַר הויקערס ליפונגען מיט הייל-גאָרסעטען און אפּאַראַטען פאַר פערקרומטע פיס און פלאַטפוס ספּעציעלע איינלאָגען אין די שיך. קינסטליכע גוטענע פיס און הענד, גוטענע זאָקען פאַר די גרעסטע קראַנקע אָדערן.

עמפּפאַנגט פון 9 ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוונט.

אָרטאָפּעדישע אנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter

בעמערקונג: דאָס פערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר בעראַנעס. פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר ב. קיעלאַנאָווסקי און אויך אַנדערע. מיר נעהמען אויך אָן טערמינערטע פון דער קראַנקען-קאַסע

דאַנקזאַגונג.

דעם געעהרטען ה' ד"ר. י. ראַפּאַפּאָרט, ספּעצ. פאַר בראָך-ליידענדע און לאַדז וואָלטשאַנסקאַ 10, טעל. 221-77 פראָנט, פאַר דער גיכער אינטערעסירלאָזער הילף און רעטען מיך דעם ערשטען טאָג ראש השנה פון דעם שווערען און פאַר מיין לעבען געפעהרליכען בראָך, פאַר דעם היסענשאַפטליכען אָנלעגען פון דעם באַנדאַזש פון זיין מעטאָדע דאַנק איך אויף דעם וועג הערצליך און עמפּפעהל איהם דערדורך פאַר אַלע בראָך-ליידענדע

Dr. M. Minzer, N. lekarz kolejowy K. Chorych.

7-קלאַסיגע שולע און פרעבעלשולע פון די רענאָמירטע ערציהונגס-אַנשטאַלט

קאַצענעלזאָן-נאַחומאָב

8 נאַר לודקאַ 8 (צווישען נאָוואָמיעסקאַ און וואָסכאָדניאַ)
טעלעפאָן 177-01 (פון 11 ביז 2)

יעדער אין שול-צוואַנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאָהר ווערען א געבומען אין די קלאַסען: A, B, C, I, II, III, IV

אין פאָרבערייטונגס-קלאַס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 7-5½ יאָהר. אין די פרעבעל-שולע (שפּיל-שולע) קינדער פון 7-3 י.

חוץ דעם אַלגעמיינעם שול-פּראָגראַם, קענען די אָרטאָדאָקסישע קינדער געניסען פון נאָכמיטאָג-חדר וואו ס'ווערד געלערנט גרונדליך אַלע למודי-קודש, דהיינו: חומש, רש"י, נ"ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים-ספּעציאַליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר' יעקב בנימין קאַצענעלזאָן

בעמ.: די צאָהל שעה'ען, ווי אויך בלמדים פאַר למודי-קודש זענען היי-יאָהר בעדייטענד פערגרעסערט.

פאַר פיזיש שוואַכע קינדער, ווי אויך פאַר אונבעמיטעלטע ענזיסטירט
נאָכמיטאָג שולע — ביז 50% ביליגער — נאָכמיטאָג
נאָכמיטאָג חדר — פּ עבעלשולע

א ליכטיג לעבען

קען יעדער האָבען, וואָס וועט ביי מיר קויפען

עלעקטרישע

זשיראַנדאָלען

פון אייגענער אויסאַרבייטונג

אויך זשאַרובקעס פון די בעסטע פירמעס ביליגער ווי איבעראַל. — אויך נעהם איך אָן אַלע עלעקטראָטעכנישע איינלאָגען פון קראַפט און ליכט קאָנצעסיאָנירט דורך דער לאָדזער עלעקטראָווניע.

מ. זענדעל פּלאַץ וואָלנאָשטשי 9

רוג נאָוואָמיעסקאַ

בעמערקונג: יעדער וואָס קויפט ביי מיר א זשאַרובקע בעקומט א קופּאָן ביי צושטעלן 25 קופּאָנען בעקומט אומזיסט א ראַדיאָ-אַפּאַראַט קומט וועט איהר זיך איבערצייגען 9 פּלאַץ-וואָלנאָשטשי 9.

ווענעריש-כירורגישע קליניק

„SANATO"

אָגראָדאָוואַ 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאַס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פּרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.

וויכטיג פאַר דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג!

די ערשטע לאָדזער גוט בעקאַנטע פאַבריק פון שאַמאַט אייוועז און קוכען מאַכט בעקאַנט, אַז צום קומענדען סעזאָן האָבען מיר ערעפענט די פאַבריק אויף

וואָסכאָדניאַ 50

און בעזיצט שטענדיג אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון די נייסט-מאָדערנע

שאַמאַט-אייוועז און קוכען

לויט די נייעסטע מאָדעלען און געבען לאַנג-יעהריגע גאַראַנטיע.

בעמערקונג: ס'ווערען אָנגענומען אַלערליי בעשטעלונגען ווי אויך רעפּעראַטורען. פּינקטליכע אויספיהרונג. קומט און איבערצייגט אייך.
מיט אכטונג
בירענבערג, לאָדז, וואָסכאָדניאַ 50

טליתים-פאַבריק

אויסאַרבייטונג פון וואָלענע, האַלב וואָלענע, זיידענע טליתים כמו טערקישע, קאַלאָמיצער, וויאויך טליתים-קטנים, הירט און דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גאַרטלעך, שפּאַניער און ציצית
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל, ביי

א. ח. ציטרינאָווסקי, קאַמיענאַ 1

אין 2. טויער פּאַרטער. קומט איבערצייגט אייך!
בעמערקונג: סווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צום וואַשען.

דראַט-צוימען
געפלאָכטענע, געוועבען, געלעכערטע, ראַביץ-געוועבען אין אַלע מעטאַלען עמפּפעהלט צו ביליגע פּרייזען
RUDOLF JUNG
Łódź, Wólczańska 151, telefon 128-97.

כ'קויף און פערקויף

מעבעל

דיוואַנעס, פעלצען, נייה-מאַשינען, שרייב-מאַשינען, גאַרדעראָבען, סאַמאָווארען א. ז. וו.
און צאָהל די העכסטע פּרייזען

א. ווייצמאַן, נאַרוטאָוויטשאַ 19

טעלעפאָן: 191-00 אין מעבעל-געוועלב
(פּריוואַט-וואוינונג: שטשעליעצקאַ 29)
ביי מיר איז שטענדיג דאָ פערשידענע גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפט אַז ביי מיר בעקומט מען אַ גרויסען אויסוואַהל פון

פערשידענע קליידער

אויף חתונות, בעלער, חופּה-קליידער און וועלאָנען אויף נייעסטע פאַסאָנען! קומט און איבערצייגט אייך.
אַפּנויץ
מיט אכטונג פּאַסטאַוועלסקאַ.
ציגעל-גאַס 59, פראָנט 1. שט.

Dr. med.
B. Robinson
פּיעטרקאָווער 10, טעל. 131-86
צוריקגעקעהרט

Dr. med.
H. Gutstadt
ספּעציאַל-אַרצט
פאַר אקושער און פרויען-קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
זאַכאָדניאַ 62 (צעגעלניאַנאַ 23) טעל. 129-52
נעהמט אָן פון 5—7 אָוונט.

ווילנער ספרים-סקלאַד	פערקויף פון ש"ס-ביכער און אַלע שפּראַכען	ספרים-סקלאַד וואָסכאָדניאַ 34 פראָנט-געשעפט	פערקויף פון שרייב-מאַטעריאַל	פערטרעטונג פון קאָלאָמייער טליתים.

מחזורים 25 פּראָצענט ביליגער!!!

דערמיט מעלדען מיר, אַז דער ספרים-סקלאַד „מסורה" איז איבערגעטראָגען אויף וואָסכאָדניאַ 34, פראָנט-געשעפט און אויך אַננגאַנג דורכ'ן טויער. צו בעקומען אַלע אַרט ספרים און לערן-ביכער, ספּעציעלער אויסוואַהל פון מחזורים, אויך די וועלט-בערוהמטע ווילנער רב פּנינים-מחזורים, אויך מיט פּויליש איבערזעצונג, ש"ס, חומשים, פּסוקים, משניות, מדרשים, סדורים, טלתים, גאַרטלען, קאַפּעלע, ציצית, מזוזות.

צום נייעם שול-סעזאָן פערקויף פון אַלערליי שול-ביכער אויך שרייב-מאַטעריאַל, אַזוי אַז דאָס חדר-יונגעל קאָן זיך אַלעס אויסקויפען צו רעעלע פרייזען. מיר האָבען בעזאָרגט ביי די ווילנער ספרים-פערלאַגען גרויסע הנחות ספּעציעל פאַר קינדער-גמרות פאַר חדרים פון פירמע ראָזענקראַנץ, שריפטזעצער צו ביליגע פרייזען, אַזוי אַז דאָס אָרימסטע קינד וועט קויפען א ליכטיגע, ריינע, פּינקטליכע ווילנער גמרא צום פּרייז פון א וואַרשאַווער גמרא. געדענקט דעם אַדרעס:

א. מ. גרובשטיין, וואָסכאָדניאַ 34, פראָנט געשעפט אָדער דורכ'ן טויער

מענער-היט

עלעגאַנט — מאָדערן
אין א גרויסען אויסוואַהל בעקומט מען — ביי —
י. שוואַרצבערג
פּיעטריקאָווער 50 אינ'ם הויף
פּראַקטיש — פּרייזווירדיג
פּרייזן רעדוצירט

וויכטיג פאַר יעדען יוד!

אויף די קומענדע ימים-טובים צו בעקומען ווין צו קאָנקורענץ פּרייזען א פלאַש פּרימאַ ראָזינען ווין ¼ ליטער נור 65 גראָשען, א גרויסע פלאַש ½ ליטער 1.25, אויך פערשידענע בעסערע סאָרטען ווין צו ביליגע פּרייזען. אין די בעוואוסטע ווין און מעהד-פאַבריק „מאַלווין", ציגעל-גאַס 36 אין הויף, אָדער אין געשעפט פּאָלודניאָוואַ 5, ווי מען בעקומט אויך פערשידענע אונגאַר-ווינען, בראָנפען, ליקער ביטע זיך איבערצייגען
מיט אכטונג **משה אלטער** ציגעל-גאַס 36 אין הויף, פּאָלודניאָוואַ 5.
פאַר בעקוועמליכקייט די אַלט-שטאָט איז צו בעקומען מיינע ווינען אין די פאָלגענדע פּונקטען: 1) באַרנשטיין, זגערישער 30, 2) גרונדמאַן, זגערזשער 10, 3) שייגביין, נאָוואָמיעסקאַ 27, 4) ביעזשינסקי, לאַגעווניצקאַ 1.

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען-מעבעל-פאַבריק

I. B. Wołkowyski

שענקעוויטש 3/5
פאַבריקס-לאַגער איז: נאַרוטאָוויטשאַ (דזשעלנאַ) 11, טעל. 137-70

א מביליגסטען, א מבעסטען, א מבעסוועמסטען
און דער גרעסטער אויסוואַהל בעזיץ אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון מעטאַל - ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאַלענע פּאַמענט, פּיפּעקס גאַרט - מיט 5 יאָהר, קינדער-וועגעלעך די נייעסטע פאַסאָנען, וואַש-טישען, סעראָויזען, ווינזאַי-מאַטעקעס און אייזן-קיסטען

עלעגאַנטע

שילער און קינדער-גאַרדעראָבען

עמפּפעהלט:

„DZIECKOPOL"

16a זאַוואַדזקאַ 16a

בעשטעלונגען ווערען אָנגענומען פון אייגענע און אַנפערטרויטע סחורות.
אכטונג! דער אוניפאָרם פון גימנאַזיום קאַצענעלסאָן איז שוין צו בעקומען. / רעעלע בעהאַנדלונג. / צוגענגליכע פּרייזען.

DR. MED.
S. Heinrich
פּאָמאָרסקאַ 10, טעל. 147-67
צוריקגעקעהרט
ספּעצ. פאַר קינדער- און אינערליכע קראַנקהייטען קוואַרץ לאַמפּען, ליכט בעדער, דיאַטערמיע
עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 12—2 און פון 4-7 נאָכמ.
פאַר אונבעמיטעלטע לעמעניצע פּרייזען.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאָלאָג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 134—72
נעמט אָן פון 2—3 נאָכמ.
און פון 7½—9 אָוונט.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרמ.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

DR. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 151 78
צוריקגעקעהרט
הויט און ווענערישע קראַנקה. רענטגען און ליכטהיילאינסט. נעמט אָן פון 4—7 אָוונד.

16-ער העטעל-מאַשין
און א זיים-מאַשין צו שטרימפּ איז ביליג צו פערקויפען. צו ערפאַהרען קילינסקיעגאָ 21, רעכטע אָפיציגע 1 שטאָק וו. 15

א שווייצארישער
פּאַטעפאָן
געלעגענהייטליך צו פערקויפען
Piłsudskiego 16
m. 9 parter

מעבעל

קומט און איבערציייגט אייך!

בעפאר איהר געהט קויפען מעבעל בעזוכט אונזער
מעבעל-קאאפעראַטיוו „סטיל" נארוטאַוויטש 4 (זושעלנא) טעל. 190-26
מיר בעזיצען אויף לאַגער: נייעסט מאָדערנע שלאָף-צימער, שפּייזע-צימער, גאַבינעטען
ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיקער. סאָלידע אויספיהרונג לויט די נייעסטע אויסלענדישע מאָדעלען.
ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלע אַרט טישלער-אַרבייטען אויף גוטע בעדינגונגען און פּינקטליכע אויספיהרונג.

„סטיל"

קומט און איבערציייגט אייך!

LUNA

אָנהייב פון די סעאַנסען 4 נאָכמ. פּרייזען פון די פּלעצער אויפ'ן ערשטען סעאַנס פון 1 זל. שבת און זונטאָג פון 12 און 2 אַ זייגער זענען אַלע פּלעצער צו 75 גר. און 1 זל.

הייגט און פאָלג. טעג! אונזער 2-טער קלו פון היי-יעהריגען סעזאָן! אַ מייסטערווערק, וואָס זייער צאָהל איז זעהר אַ קליינע!

„דאס ליבעס-שעפטשען ביינאכט"

דראַמע פון הערצער און גרויסע ליידענשאַפטען, לויט דער אויסגעצייכענטער נאָוועלע פון G. Kreutzer רעזשיסער Wiktor Jansen רעאַליזאַציע פון גרעסטען איראָפּעאישע
די הויפּט-ראָלען קרעאירען: Lil Dagover, Daisy D'Ora, Jan Stuwe, A. Murski, Harry Hardt
פּרעכטיגע מוזיקאַלישע אילוסטראַציע פון גרויסען סימפאָנישען אָרקעסטער אונטער דער דירעקציע פון לעאָ קאַנטאָר.

קלאַנג-פילם-טעאַטער Grand=Kino

היינט און פאָלגענדע טעג!
די הערליכסטע און לעצטע קרעאַציע פון געניאַלען און אונפערגעסליכען

Lon Chaney „לאָקאָמאָטיוו 2329"

ערשיטערנדע דראַמע פונ'ם לעבען פון אַ מאַשיניסט. — אין די הויפּטראָלען: דער מייסטער פון מאַסקעס Lon Chaney און די בעריהמטע פון בילד „טשיקאַגאָ" Phyllis Haver
אָנהויב פון די סעאַנסען אין געוו. טעג 4 נאָכמ. לעצטער 10.15 אָוו. שבת און זונטאָג 12 בייטאָג לעצטער 10.15.

Palace

נאר פאר דערוואַקסענע! סעקסואַליזם! עראָטיזם! היינט די לאַנג ערוואַרטעטע פּרעמיערע פון גרויסען בעגעגווערטיגען מייסטערווערק

„17-יעהריגע פרויי" (פערבאָטענע פרוכט)

טראַגעדיע פון אַ שעהן, יונג און נאַאיוו מיידעל, וועלכע האָט אפּגעטריבען אַ געבורט. די פריהצייטיגע סעקסועלע שטרעבונגען, פון דער אונער-פאַהרענער יוגענד פיהרען אויפ'ן וועג פון שאַנדע און אונטערגאַנג. אין די הויפּטראָלען: ROLAND VARNE, INA V. ELBEN
נאר פאר דערוואַקסענע! ∴ אָנהויב 4 אַ זייגער, שבת און זונטאָג 12 בייטאָג ∴ אויף די ערשטע סעאַנסען זענען די פרייזען די קלענסטע. ∴ מוזיק פון מ. לידוויער. ∴ נאר פאר דערוואַקסענע!

מיניאַטור-טעאַטער „KAMELEON"

40 SIENKIEWICZA 40
אונטער דער לייטונג פון ליטעראַרישען קינסטלער JAN ZANDMER.
טעגליך 2 פאָרשטעלונגען 7.15 און 9.15
פּרייזען פון די פלעצער פון 1.30 זל. ביז 3 זל.

היינט פּרעמיערע פון אינאַגוראַציאָנס-פּראָגראַם

„אלזא, מיר הויבען אן"

אין 2 טיילען 16 בילדער

פון Jelly, Hemar, Nell, Tom א. אַ. ——— עס נעהמען אָנטייל: J. Leonowski, E. Waczyńska, W. Modrzeński
ווי אויך קאַמיליאַן-גירלס. – אין פּראָגראַם צווישען אַנדערע: Tawrydzki, Z. Suwalski, Lopek-Boruński, B. Orliński וואָס איז דאָס קאַמיליאַן", „די ודוי פאר דער חתונה", „דו ביסט ווי גרעטא גארבא", סקעטשען, אינסצעניזאַציעס, סאַטירע א. ז. וו.
רעזשי: B. Orliński קאָנפערענסיער: E. Waczyński, W. Modrzeński דעקאָראַציעס: St. Bieńkowski מוזיק. לייטער: C. Kantor

---

APOLLO

סימפאָנ. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון א. בייגעלמאַן
פרייזען אויפ'ן ערשטען סעאַנס; באַלקאָן 30 גר., פּאַרטער 50 גר., 75 גר.

היינט און פאָלגענדע טעג! פילם, וועגען וועלכען ס'רעדט גאַנץ איראָפּא א. נ.

„ס'שפּיל וועגען א מאנספערשוין"

ריהרענדע דראַמע, געשאַפען אויפ'ן גרונד פון פרויען-קאַמפען וועגען בעזיץ פון דער נשמה און קערפער פון אַ מאַנספערשוין אין די הויפּטראָלען: LIANA HAID
נעכסטער דאָפּעלטער פּראָגראַם: 1) קאַפּיטאַן לאַש. 2) הער וואַכמייסטער אויף אורלויב

ODEON WODEWIL

ערציפרעהליכע פעריפעטיעס פון

„דער הער וואכמייסטער אויף אורלויב"

Farrell Mc. Donald
אין דעם רויהען אַמעריקאַ און אין פרעהליכען פּאַריז.
אויסערן פּראָגראַם: אפּארס

קינא טעאַטער PRZEDWIOŚNIE

זשעראָמסקיעגאָ 74/76.
(רוג קאָפּערניקאַ)
הנחה בילעטען שבת, זונטאָג און יום-טוב אונגילטיג. ∴ סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי ∴ נעכסטער פּראָגראַם: „דאס הארץ אויפ'ן ברוק"

היינט און פאָלגענדע טעג! מעכטיגע דראַמע פון אַ'אַקטריסע א. נ.: היינט און פאָלגענדע טעג!

„דאס מעדעל פון גיהנם"

די קללה פון דער פערגאַנגענהייט
אין די הויפּטראָלען: Mary ASTOR, Robert AMSTRONG ∴ אויסערן פּראָגראַם: „א נאכט איז פרי פרא רווא!
רעוויי-פילם, געשטיצט אויף די אָריגינעלע אויפנאַהמען געמאַכט אין Qui-Pro-Quo אין וואַרשע.

רעוויי-טעאַטער „Dobry Wieczór"

אין דער געביידע פון קינא-טעאַטער „BAJKA"
פראַנציסקאַנער 31a, רוג בושעוושינער
(צופאָהר מיט טראַמוואַיען 1, 6 און 14).

היינט און פאָלגענדע טעג! היינט און פאָלגענדע טעג!

פון דער „פראנציסקאנער" אויף דער „קאפערניקא"

גרויסע פרעהליכע איבערציהונג פון 2 טיילען און 18 בילדער. אין פּראָגראַם: די נייעסטע שלאַגערן פון די רעווידענ-ביהנעס. סקעטשען, אינסצעניזאַציעס סאָלאָ-נומערן, באַלעט, כאָרען א.ז.וו. אייגענע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט-עפעקטען. סיס'ן אָנטייל פון Stefan Laskowski — אלעקסאנדער קאַו אַלס קאָנפערענסיער. — אויך נייע אָנגאַזשירטע אַרטיסטען.
טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 7.30 און 9.30, אָוונט שבת, זונטאָג און יום-טוב 5.30, 7.30 און 9.30 אָוונט
פאָרפאַרקויף פון בילעטן אין דער ביוראָ „Reklama Polska", פּיעטריקאָווער 101 טעל. 126-89 טעגליך פון 11 פריה ביז 4 נ'מ.

קינא-טעאַטער ZACHĘTA

26 זגערזשער 26
(ב ם פּלאַץ קאָשטשעלני)
פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער אונט. דער לייטונג פון ה' סטעפּאַנסקי

פייערליכע ערעפנונג פון ווינטער-סעזאָן!
גרויסע שלאַגער-פּרעמיערע!
דאס לאַנג-ערוואַרטעטע בילד א. נ.:

„רויטע שווערד"

אין די הויפּטראָלען: MARION NIXON i CARMEL MYERS
פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער און א גרויסער כאָר די מוזיק איז ספּעציעל צוגעפּאַסט צום בילד.
אָנהויב פון די סעאַנסען מיט'ן כאָר 5.30 נאָכמיטאָג ∴ ערשטער סעאַנס 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. ∴ שבת און יום-טוב 12 בייטאָג

קינא „ERA"

פרי-הער „פּלאַרא" זאַווישאַ 22 (באַלוט)
פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' פיינער.

היינט און פאָלגענדע טעג!
גרעסט פויליש מייסטערווערק פון STEFAN ŻEROMSKI

PRZEDWIOSNIE

אין די הויפּטראָלען: Zbyszko Sawan, Marja Gorczyńska, Bogusław Samborski
אויסערן פּראָגראַם: א פארס אין 2 אקטען. אויסערן פּראָגראַם: א פארס אין 2 אקטען.

אַנאָנסען-פרייזן: פאָר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ —60 „ „ „ „ 4 „
נאָכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ —18 „ „ „ „ 8 „
פאַר אַ מילימעטער-שורה; אויסער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

אַבאָנאַמענטס-פרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט צושטעלונג אַ היים; אויף דער פּראָווינץ 6—5 זל. אַ חודש אין אויסלאַנד — 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Z. Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.